גליון
# באור החיים

יהנא לאור ע"י
איחוד
תלמידי וחסידי
טאהש

פרשת עקב - תשפ"ו לפ"ק
גליון תתצ"א

הרבני החסיד ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו
לעילוי נשמת אביו הרה"ח ר' אליעזר בן ר' יהודה ז"ל
יארצייט ביום כ"ב אב - ד' ראה הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' אברהם מאיר יעקב שווארץ הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן יהוסף נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### ע"י מדת ענוה אפשר לקיים כל התורה כולה

**והיה עקב תשמעון.**

על ידי מדת הכנעה, זוכה האדם לקיים כל התורה כולה, כמו שכתוב בבעל הטורים כאן, 'והיה עק"ב תשמעון', שזה רומז, שתשמעון את עשרת הדברות, שיש בהם קע"ב תיבות, ועל זה נאמר (תהלים י"ט ב') בשמרם עק"ב רב, והכוונה בזה כי מה שיש בעשרת הדברות סכום תיבות כמנין עק"ב בא לרמז, שכדי שיזכה האדם להעשרת הדברות וכל התורה הכלולה בהן, צריך להתנהג במדת עק"ב, בהכנעה ושפלות, ועל ידי זה תזכו לשמוע את כל המשפטים האלה, לקיים כל התורה, כי על ידי מדת הכנעה, השכינה שורה באדם, ואז ממילא זוכה לקיים כל התורה כולה.

(עבודת עבודה פתג"ק בא)

### צריך לקדש כל מחשבותיו להשי"ת

**וסרתם ועבדתם אלהים אחרים.**

הבעש"ט הק' פירוש בפסוק זה, דברגע שהאדם סר במחשבתו מה', ואינו מקושר אליו יתברך, תיכף נחשב כאילו עובד אלהים אחרים חלילה, ובני ישראל במצרים אף שלא התערבו בגוים במעשיהם, אבל עדיין לא היה להם אז כח הדעת להשיג את הבורא ב"ה, ולהתקשר אליו יתברך בכל מחשבה דיבור ומעשה, ולכן טען הס"מ הללו והללו עובדי ע"ז, היינו כשבני ישראל סרו מאחרי ה' במחשבתם, וזה נחשב להם כאילו עבדו אלהים אחרים, ולכן אינם ראויים להינצל מידי המצרים.

וכמו כן בכל דור ודור אם האדם רוצה להינצל מטומאה, ולתקן פגם היסוד, לא די בזה שיתקן חטא זה לבד, אלא צריך להתקשר אל הבורא ב"ה בכל מחשבה דיבור ומעשה שלו, ולמסור את עצמו וכל מחשבותיו ורצונותיו כולן לה' לבדו.

(עבודת עבודה דב"ק שמות)

### כשמדבק את עצמו להצדיק כאילו נדבק בשכינה

**ולדבקה בו.**

הוקשו חז"ל (ספרי דברים מ"ט) וכי אפשר לאדם לדבוקי בשכינה, והלא אש אוכלה הוא, אלא הדבק בחכמים ותלמידיהם.

והענין בזה, כי צדיק היסוד, הוא הצינור להמשיך השפע לעולם, ונשפע על ידי מדת היסוד, ולכן נקראת מדת היסוד בשם 'כל' (זוה"ח ח"ג ש"ב ע"א) כי השפע של כל העולמות נמשך על ידי מדה זו, לכן בזה שהאדם מדבק ומבטל את עצמו לצדיק, הוא מתבטל בזה למקור השפע והחיות שנשפע בתוכו מאת הבורא ב"ה, ובזה הוי כאילו נדבק בשכינה, אבל אם מפריד את עצמו מן הצדיק, הוא מפריד עצמו גם מהשכינה הק', כי בזה מורה שאינו מבטל את עצמו להשפע והחיות הנשפע בו, אלא הוא נוטל השפע והחיות לעצמו, לומר אני ואפסי עוד, להחזיק עצמו ליש ולדבר נפרד מקדושתו יתברך.

(עבודת עבודה דב"ק וישב)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**ואכלת ושבעת, אויב נאכן עסן א כזית וועסטו שוין ווערן זאט און נישט עסן איבריג, וברכת את ה' אלקיך, וועסטו קענען ריכטיג לערנען און דאווענען צום אייבערשטן.** (פתג"ק ח"ב קע"ב)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר יהוסף מרדכי מערמעלשטיין הי"ו (מאנטריאל)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## אויב איז מען זיך מקבל צו היטן תורה ומצות וועט שוין דער אייבערשטער געבן אלעס גוטס

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם, איז שוין רש"י הק' מדייק דעם לשון והיה "עקב" תשמעון, פארוואס שטייט נישט והיה "אם" תשמעון.

ווייטער זאגט דער פסוק, ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד, זאגט רש"י הק' ושמר לך, ישמר לך הבטחתו, רש"י הק' וויל אפטייטשן אז ושמר מיינט א לשון עתיד, ער וועט דאס היטן, און נישט א לשון עבר. איז שווער, אויב אזוי פארוואס שטייט נישט ארויס אין פסוק, והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה, "ישמר" ה' אלקיך לך וגו', מיט א לשון עתיד, פארוואס שטייט דאס לשון ושמר, וואס קען אויך מיינען א לשון עבר.

נאר קען זיין מרומז דא אין די פרשה לויט ווי די ספרים הק' זענען מדייק אין די קומענדיגע פרשת פרשה ראה, ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה את הברכה אשר תשמעו וגו', והקללה אם לא תשמעו, לכאורה פארוואס שטייט 'היום', דער פסוק זאגט דאך את הברכה אשר תשמעו, ס'וועדט זיך דאך אויב מען וועט צוהערן צו נישט, דארף מען דאך קודם זען וויאזוי מ'פירט זיך.

נאכדעם איז שווער וואס רש"י הק' זאגט, את הברכה אשר תשמעו, על מנת אשר תשמעו, וואס האט רש"י מוסיף געווען מער ווי עס שטייט שוין.

און בכלל דארף מען פארשטיין פארוואס דערמאנט דא די תורה די ברכות און די קללות האמורים בהר גריזים ובהר עיבל, ס'שטייט דאך שוין ארויס די גאנצע פרשה באריכות אין פרשת כי תבא.

נאר די תורה לערנט אונז דא די געוואלדיגע חסד וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, אז מיט דעם אליין ווען א מענטש טוט א קבלה על העתיד, ער איז נאר מקבל אויף זיך צו זיין גוט, אפילו למעשה פירט ער זיך נאכנישט ווי ס'דארף צו זיין, נעמט דער אייבערשטער שוין אן זיין תשובה, ווי דער רמב"ם הק' זאגט דאס לשון אין הלכות תשובה (הל' תשובה ב'), ומה היא התשובה, שיעזוב החוטא חטאו ויסורו ממחשבתו, ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד, שנאמר (ישעיה נ"ה ז') יעזוב רשע דרכו, די תשובה איז אז ער איז מחליט אין זיין מחשבה אז ער וועט דאס מער נישט טוען, ער איז מקבל מהיום והלאה צו זיין גוט, דעמאלטס ווערט שוין נתקבל זיין תשובה, און דער אייבערשטער גיבט אים שוין די ברכה אפילו ער האט נאכנישט מקיים געווען למעשה.

דאס זאגט די תורה הק', ראה אנכי נותן לפניכם "היום", עטץ קענטס שוין היינט באקומען די ברכה נאך פארן טוען, און דאס דרוקט רש"י הק' אשר תשמעו, "על מנת" אשר תשמעו, ווי די גמרא זאגט (קידושין ס' ע"ב) כל האומר על מנת כאומר מעכשיו דמי, די ברכה קען שוין חל זיין אפילו מען האט נאכנישט געטוען למעשה, ווייל כל האומר על מנת כאומר מעכשיו דמי.

און דאס קומט די תורה הקדושה לערנען מיטן דערמאנען די ברכות אין די קללות דא אין פרשת ראה, כאטש ס'שטייט שוין די גאנצע ענין אין פרשת כי תבא, אבער דארט שטייט נאר אז די ברכות און קללות וועלן קומען ווען מען וועט זיך אזוי פירן למעשה, מה שאין כן דא האט משה רבינו געוואלט לערנען פאר כלל ישראל דעם "היום", אשר תשמעו, על מנת אשר תשמעו, אז מיט די קבלה קענט עטץ שוין היינט באקומען די ברכה.

דאס קען זיין מרומז דא אין אונזער פרשה אויך, והיה עקב תשמעון, תשמעון טייטשט מקבל זיין, ווי דער תרגום טייטשט, והיה עקב תשמעון, ויהי חלף די תקבלון, זאגט דער פסוק והיה עקב תשמעון אויב עטץ וועטס מקבל זיין יעצט אויפ'ן "עקב" אויפ'ן סוף, עטץ וועטס מקבל זיין אויף זיך צו היטן תורה ומצות, אפילו מען האט נאך נישט געטוען למעשה, וועט זיין "ושמר ה' אלוקיך לך את הברית וגו'", א לשון עבר, דער אייבערשטער וועט פריער היטן דעם בונד, און דיר שוין געבן אלעס גוטס, וויבאלד דו האסט נאר מקבל געווען צו דינען דעם אייבערשטן, צו זיין געטריי צום אייבערשטן.

(עבודת עבודה אמ"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### לא ישימם בך ונתנם בכל שונאיך.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט קודם "ישימם" בך, און דערנאך שטייט "ונתנם" בכל שונאיך. פארוואס טוישט די פסוק פון נתינה צו שימה?

נאר די גמרא זאגט אין מסכת מנחות (נ"ט) אז ביי א מנחת חטאת אויב האט מען אריינגעלייגט אפילו א משהו אויל, איז די מנחה פסול, ווייל ס'שטייט דער לשון לא "ישים", אבער ווען מען לייגט אריין צו די מנחה לבונה, איז דער שיעור צו מאכן דעם מנחה פסול א כזית, ווייל ביי לבונה שטייט לא "לא יתן", זעהט מען אז דער לשון "שימה" מיינט א משהו, און דער לשון "נתינה" מיינט א גרויסע נתינה.

דאס איז פשט אין פסוק, וכל מדוי מצרים, די אלע מחלות ל"ע, לא "ישימם" בך, אפילו א משהו וועט נישט זיין ביי די אידן, און ביי די גוים "ונתנם" בכל שונאיך, וועל איך געבן א גרויסע נתינה פון מכות.

(הגאון מהרי"ל דיסקין ז"ל)

### שמלתך לא בלתה מעליך ורגלך לא בצקה.

א קלייד איז א חומריות'דיגע זאך, ממילא קען מען טייטשן אין פסוק אזוי. "שמלתך לא בלתה", דיין חומריות איז נאך נישט אוועק פון דיר, ווייל "ורגלך לא בצקה", דיין פוס איז נישט געשוואלן פון גיין צו צדיקים.

(הרה"ק מקרעמניץ זצ"ל)

### מה ה' אלוקיך שואל מעמך.

ס'שטייט אין גמרא (שבת ל"א) אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד, קען זיין פשט אז דער לשון "בלבד" קומט מרמז צו זיין אז אויך יראת שמים קוקט מען אין הימל צו דאס איז "לבד", און ס'איז נישט אויסגעמישט מיט אנדערע כוונות.

(המגיד מדובנא ז"ל)

### בכל לבבך ובכל נפשך.

ווען א איד איז מתפלל צום אייבערשטן איז ער מעורר כביכול דעם אויבערשטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר די אידן. דאס איז דער פסוק מרמז, "מה ה' אלוקיך שואל", ווען דאווענט דער אייבירשטער? "בכל לבבך ובכל נפשך", ווען א איד איז מתפלל מיט'ן גאנצן הארץ.

(אמת ליעקב)

### עושה משפט יתום ואלמנה.

די פסוק קומט מרמז צו זיין אז ווען משיח וועט קומען אויסלייזן די אידן פון גלות, וועט דער אייבערשטער משפט'ן די גוים וואס האבן געפייניגט די אידן און גלות, און גע'הרג'ט אסאך מענטשן און דורכדעם געמאכט אז צווישן די אידן זאלן זיין יתומים ואלמנות ל"ע.

(פנים יפות)

### בכל לבבכם ובכל נפשכם.

מ'קען זאגן פארוואס דא שטייט נישט "ובכל מאודכם" אזוי ווי ס'שטייט אין די ערשטע פרשה פון קריאת שמע, ווייל אין די פרשה שטייט ולעבדו, אז מ'איז אין דער בחינה פון א עבד, וואס כל מה שקנה עבד קנה רבו, ממילא פעלט שוין נישט אויס צו זאגן בכל מאודכם, ווייל דאס געלט באלאנגט סיי ווי פאר'ן אויבערשטן, משא"כ דער ערשטער פרשה וואס דארט זאגט דער פסוק ואהבת וואס איז א בחינה פון א בן, דעריבער דארף מען באזונדער ארויסברענגען בכל מאודך.

(עטרת צבי)

### בשבתך בביתך ובלכתך בדרך.

ווען א טאטע לערנט מיט זיינע קינדער, איז ער זיי מיט דעם מחנך, אז אויך שפעטער ווען ער וועט ארויסגיין אויפ'ן גאס, זאל עס זיין מיט יראת שמים. דאס איז פשט אין פסוק, "בשבתך בביתך" - דו זאלסט מחנך זיין דיינע קינדער אין שטוב, און דאס וועט זיך אנזען אויף "בלכתך בדרך" - ווען זיי גייען אין וועג.

(חתם סופר)

## א מעשה אויף די פרשה

ביי איינע פון די פילע וויכוחים וואס הגה"ק ר' יונתן אייבשיץ זי"ע האט אפגעהאלטן מיט די גלחים, האט אים איינמאל איינע פון די גלחים געפרעגט, פון וואו ווייסט מען אז דאס וואס די תורה שרייבט אז משה רבינו איז געווען אין הימל, און עסן פערציג טעג, איז אמת? מילא דאס וואס ער האט געשפאלטן דעם ים האט דאך יעדער געזעהן, אבער דאס וואס ס'שטייט אז ער איז געווען אין הימל, פון וואו ווייסט מען אז דאס איז אמת? אפשר איז ער אוועקגעגאנגען אין אן אנדערן געגענט, און בלויז איינגערעדט אז ער איז געווען אין הימל?

האט אים ר' יונתן אייבשיץ געענטפערט אז די תורה שרייבט אז משה רבינו איז אלט געווען ביי זיין פטירה הונדערט-צוואנציג-יאר, און מיט דעם אלעם איז ער געווען געזונט און פריש ווי א יונגער מענטש, און נאכדעם שטייט אז מ'האט אים באערדיגט, און קיינער ווייסט נאך היינט נישט וואו דאס פלאץ וואו ער איז באערדיגט געווארן איז.

ווען אזא געשיכטע זאל פאסירן ביי די גוים, וואלט איר געשריבן אז ער איז ארויף לעבעדיג אין הימל, א.א.וו. אבער די תורה וועלכע איז א תורת אמת, שרייבט דערנאך ויקבור - מ'האט אים באערדיגט אזוי ווי יעדער מענטש. פון דא האט איר א ראי' אז אלעס וואס שטייט געשריבן אין די תורה איז אמת ויציב.

*

### ולעבדו בכל לבבכם, איזהו


ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונו בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמרו זמירות הלא הוא

מוה"ר **איתמר ארגעל** הי"ו

ראש מקהלת המנגנים

לרגל שמחת תגלחת בנו למז"ט

יקום פרקן מן שמיא, שתזכה לראות בנים ובני בנים עוסקין בתורה ובמצות לשמה, וישפע להם משמי מעל רב חיי"א ורב חינ"א ורב חסד"א ברוב סייעתא דשמיא ואך טוב וחסד עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**המברכים: חברי מקהלת המנגנים**



**מזלא טבא וגדיא יאה**

רגשי ידידות והכרת הטוב

מעומק לבבינו מיטב איחולינו נשגר, כסא דברכתא נרימה לנצח ולהדר, מול מעלת כבוד ידידינו המפואר, מוכתר בכל מדה נכונה ותואר,

החתן **אשר ענזיל געלב** נ"י

העומד תמיד לימינינו במסירות נאמנה

לרגל שמחת נישואיו למזל טוב

ממרום ברכה, יוסיף ה' ככה, במעשיו הצלחה, רוח ששון והנחה, וברכות עד בלי די, הני תלת בני מזוני וחיי, בעזרתו יתברך קל חי, עדי נזכה בקרוב בימינו, לביאת משיח צדקנו, ומלכנו בראשינו, בב"א

**הנהלת האיחוד**

## עבודה שבלב זו תפלה.

דער הייליגער שינאווע רב זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט עטליכע אינטערעסאנטע זאכן בעניני עבודה שבלב, זאגענדיג:

"דאס ערגסטע דאווענען בציבור איז שענער ווי דאס בעסטע דאווענען ביחידות".

"דאס שווערסטע דאווענען בזמנה איז שענער ווי דאס בעסטע דאווענען שלא בזמנה".

"דער שענסטער איד אונטערוועגנס איז בעסער ווי די בעסטע איד אינדערהיים".

"עס איז בעסער צו דאווענען פאר זיך ווי פארן עמוד".

*

ווען איינער האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן ר"ר מרדכי'לע מנאדבורנא זי"ע פארוואס ער האט נאכנישט געדאווענט, האט ער געפרעגט ווער זאגט אז ס'איז שפעט? האט יענער צוגעוויזן אויפ'ן זייגער, אז ס'שוין שפעט, האט ער געענפערט "דער זייגער האט נישט וואס צו טון דערפאר דרייט זיך עס, אבער מרדכי האט וואס צוטוהן".

*

א איד וואס האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער איז געקומען וויינען פאר זיין רבי'ן אז ער וועט אוועק גיין פון די וועלט אן איבערלאזן א קדיש נאך זיך. האט זיין רבי געענפערט בצחות לשונו, "יעדן טאג ווען דו לויפסט ארויס פאר 'עלינו', ווערט שוין איבערגעלאזט א קדיש".

*

אין ספר חמדה גנוזה ווערט דערציילט אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז אמאל געווען אין בעלזא, און ווען דער בעלזער רב זי"ע איז נאכן דאווענען געגאנגען באזוכן דעם צאנזער רב וועלכער האט נאך געהאלטן פארן דאווענען, האט ער אים געפרעגט, "צאנזער רב וואס וואלט איר געטוהן אויב משיח קומט יעצט, איר וואלט געגאנגען צו משיח אדער געגאנגען דאווענען? האט אים דער צאנזער רב געענטפערט, וואס וועט בעלזער רב טוהן אויב משיח קומט מארגן פארן דאווענען? האט דער בעלזער רב געענטפערט, "ווען איך דאווען דאווענט משיח מיט, און ער קען דעמאלטס נישט קומען".

*

## ולמדתם אותם את בניכם.

דער הייליגער רבי מעכעל'ע זלאטשובער זי"ע האט אמאל געמאכט אן עליית נשמה, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט האט ער געזאגט אז באמת איז ער שוין געווען גרייט צו בלייבן אויף יענע וועלט, ער האט אבער גענומען א ספר תורה צו זעהן אויב ער האט מקיים געווען אלעס וואס שטייט אין די תורה, און באמערקט אז די מצוה פון 'ולמדתם אותם את בניכם' האט ער נאכנישט מקיים געווען בשלימות, ווייל ער האט נאכנישט געהעריג געלערנט מיט זיין זון, ממילא איז ער נאכאמאל אראפגעקומען אויף די וועלט.

*

א געוויסער מלמד וואס האט געדינט אין א מאדערנער חדר, האט פרובירט אריינצולייגן אין זיי אמונת חכמים, און ווארעמקייט צו אידישקייט. צום ביישפיל ווען ער האט געלערנט מיט זיי גמרא, און מען איז אנגעקומען צו א תנא אדער אמורא וואס מען האט צום ערשטן מאל געהאט דעם נאמען, האט ער זיי פארציילט א מעשה אויף דעם תנא, אדער אן אינטערעסאנטע זאך וואס דער תנא האט געזאגט, און דאס האט געהאט א גרויסע השפעה אויף די קינדער. אבער די עלטערן האט דאס זייער געשטערט און זיי האבן געווארענט דעם מלמד, אז ער זאל אויפהערן מיט זיינע מעשיות, און אז נישט וועלן זיי אוועקנעמען די קינדער פון אים, און ער וועט בלייבן אן א פרנסה.

דער איד האט נישט געוויסט וואס צו טון, איז ער אריבער געפארן צו הרה"ק רבי משה מ'פשעווארסק זי"ע פרעגן וואס צו טון. האט אים דער רבי געזאגט: "די ערשטע הלכה אין ש"ס איז אז קריאת שמע האט א זמן, און גלייך נאכדעם פארציילט אונז די משנה א מעשה, מיט די קינדער פון ר' גמליאל וועגן זמן קריאת שמע. די צווייטע הלכה איז, אז מען דארף ליינען קריאת שמע ליגענדיג אדער גייענדיג, און גלייך ברענגט די משנה א מעשה אויף דעם פון ר' טרפון. באלד נאך דעם זאגט די משנה: 'מזכירין יציאת מצרים בלילות', און עס איז נישט געווען קיין מעשה אויף די הלכה. ברענגט אונז די משנה א מעשה פון ר' אלעזר בן עזריה. דאס אלעס איז אונז צו ווייזן באלד ביים אנהייב פון ש"ס, אז הלכה מיט סיפורים פון צדיקים גייען צוזאמען, און אויב מען לאזט אייך נישט לערנען ביידע אינאיינעם, איז ענדערש אפצוזאגן דעם מלומדות פאסטן'.

*

דער חפץ חיים ז"ל פלעגט דערציילן, אז זייענדיג אין א קור-ארט, איז ער דארט געגאנגען אין מקוה, און שפירענדיג אז ס'איז געצליך קאלט, האט ער געפרעגט דעם בעדער (מקוה איד) פארוואס איז די מקוה קאלט? האט דיר בעדער צוריקגעענטפערט, איך האב דאך אנגעווארעמט דאס קעסל און עס אריינגעגאסן אין מקוה. דער חפץ חיים איז צוגעגאנגען צום קעסיל, און עס באטאפט און באמערקט אז עס איז ווארעם, האט ער זיך אנגערופן: "ווען דאס קעסיל איז הייס, איז צו ערווארטן אז די מקוה זאל זיין ווארים, אבער אויב דאס קעסיל איז בלויז ווארעם, וואס קען מען שוין ערווארטען פון די מקוה?"

יארן שפעטער פלעגט דער חפץ חיים זיך באניצן מיט די מעשה ווען עלטערן זענען זיך געקומען אפרעדן אויף זייערע קינדער, און דער חפץ חיים האט געוואסט אז די עלטערן זענען אויך גאנץ שוואך אין אידישקייט, האט ער זיך באנוצט מיט די מליצה, אז דאס קעסיל איז ווארעם, וואס קען מען שוין ערווארטן פון די מקוה?. ודפח"ח.








# שידוכים (ב)

## אינפארמאציע ביי א שידוך

אין די פריערדיגע מאמר האבן מיר געשריבן אז עס איז א מצוה עוסק צו זיין אין שידוכים, אזוי אויך איז א מצוה צו העלפן אז עס זאל זיך קענען אויספירן שידוכים, דורך געבן גוטע אינפארמאציע, און ווען איינער גיט ח"ו שלעכטע אינפארמאציע, און דורך זיינע דיבורים איז ער ח"ו מבטל א שידוך, האט ער צושטערט דערמיט דעם אייבערשטנס ארבעט, און ער האט מבטל געווען דעם בת קול וואס האט אויסגערופן אין אלע עולמות "בת פלוני לפלוני", און די אחריות איז זייער גרויס, ער האט זיך אריין געמישט אין א זאך וואס באלאנגט צום הייליגן באשעפער, און ווער ווייסט וואס פאר א שטראף עס ווארט אים.

אבער פון די צווייטע זייט דארף מען צו וויסן, אז עס זענען דא א זעלכע זאכן וואס מען איז מחויב צו זאגן, און אויב מען זאגט דאס נישט, איז מען עובר אויפן לאו פון "אל תעמוד על דם רעך", און מען איז מקיים די מצות עשה פון "ואהבת לרעך כמוך" מיטן יא זאגן, אויך קען מען גורם זיין דורכ'ן נישט זאגן דעם אמת, אסאך צער און עגמת נפש, וואס עס וואלט געקענט פארמיטן ווערן.

**באמערקונג**

עס איז וויכטיג מעורר צו זיין, אז עס זענען דא צוויי ערליי מענטשן, טייל פירן זיך אז ווען מען פרעגט ביי זיי אינפארמאציע, זאגן זיי אלעס וואס קומט זיי אריין אין מויל, יעדע זאך וואס געפעלט זיי נישט האלטן זיי דאס פאר א חסרון, און יעדע קליינע חסרון, מאכן זיי דערפון א גרויסע חסרון, און זיי האלטן אז זיי טוען דערמיט א מצוה, זיי טראכטן נישט איבער וואס מען מעג זאגן און וואס נישט.

ווידער זענען דא מענטשן וואס האבן פשוט מורא צו געבן אינפארמאציע, און זיי האבן מורא צו זאגן אפילו אזעלכע זאכן וואס מען איז יא מחויב צו זאגן, און זיי טראכטן נישט אריין וויפיל עגמת נפש זיי

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

קענען איינשפארן, דורכן זאגן דעם אמת.

און אזוי ווי עס איז נישט קלאר ביים המון עם, וואס מען טאר נישט זאגן, און וואס מען מוז זאגן, איבער דעם האבן מיר בעזרת השי"ת קלאר געמאכט אין דעם מאמר די הלכות פון זאגן אינפארמאציע, וואס מען טאר נישט זאגן, און וואס מען דארף זאגן, און וואס מען דארף אלץ אכטונג געבן בשעת'ן זאגן אינפארמאציע.

## א

### שאלה: איז דא א חיוב צו פרעגן אינפארמאציע, אדער איז דאס נאר א פראקטישע זאך?

**תשובה:** די גמרא זאגט "אסור לו לאדם לקדש אשה עד שיראנה" א מענטש טאר נישט מקדש זיין א פרוי, ביז ווען ער זעט איר, "שמא יראה בה ערות דבר ותתגנה עליו" ווייל אפשר וועט ער דערנאך זען עפעס אויף איר, אזא זאך וואס עס וועט אים נישט געפעלן, און זי וועט פארמיאוסט ווערן אין זיינע אויגן.

צוליב דעם זעלבן טעם זאגט די גמרא אז "מתון נסיב איתתא", דאס מיינט פאר דו נעמסט א פרוי זאלסטו זיין געלאסן, מברר צו זיין אירע מעשים, און צו זי האט נישט קיין שלעכטע נאטורן א.ד.ג., דאס מיינט אז איידער מען טוט א שידוך זאל מען זיך גוט נאך פרעגן (יבמות דף ס"ג ע"א וברש"י) ביי מענטשן און גוטע פריינד, איבער די מעלות און חסרונות פון די בחור, און פון די מיידל, און אויף אלע זאכן וואס זענען גילטיג ביי א שידוך, כדי מען זאל נישט צוקומען צו עגמת נפש נאך די חתונה, און מען זאל זיך נישט פארלאזן אינגאנצן אויפן שדכן.

* הרה"ק רבי יצחק מנחם אלכסנדר זצ"ל האט געזאגט, אז פאר א שדכן קען מען נאר גלייבן אז דער האט א זין, און דער האט א טאכטער, און נישט מער פון דעם.

## ב

### שאלה: וויאזוי מעג מען פרעגן אינפארמאציע, אפשר וועט יענער זאגן א זעלכע זאכן וואס זענען לשון הרע, און עס וועט אויסקומען אז מען איז גורם אז יענער זאל רעדן לשון הרע?

**תשובה:** עס ווערט געפסקנ'ט אז מען זאל זיך נישט אפהאלטן פון פרעגן אינפארמאציע אלץ חשש, אז אפשר וועט מען זאגן חסרונות וואס זענען לשון הרע, וויבאלד די מטרה איז נישט צו רעדן, אדער צו הערן לשון הרע, נאר דאס איז א תועלת פארן שידוך (חפץ חיים, ח"א כלל ד' סי"א).

כאטש מען מעג הערן ביי א שידוך א זעלכע חסרונות וואס זענען לתועלת, אבער מען טאר זיי נישט אן נעמען אז עס איז זיכער אמת, מען מעג דאס אן נעמען נאר פאר א חשש (חפץ חיים שם).

**באמערקונג**

איידער מען פרעגט אינפארמאציע, דארף מען זאגן אז דאס פרעגן איז וועגן אינפארמאציע פאר א שידוך, כדי נישט מכשיל צו זיין דעם אינפארמאציע זאגער מיט רעדן לשון הרע, ווייל אויב מען זאגט חסרונות אויף א מענטש אן קיין תועלת איז דאס לשון הרע, אפילו ווען למעשה איז דאס געווען פאר א שידוך, וויבאלד ער האט נישט געוויסט דערפון (חפץ חיים שם).

## ג

### שאלה: מעג מען פרעגן אינפארמאציע פון עטליכע מענטשן, אדער פון א שונא, וואס ביי די פעלער איז דא מער מעגליכקייט אז מען זאל רעדן לשון הרע?

**תשובה:** אויב עס איז א תועלת מעג מען פרעגן אפילו אסאך מענטשן, און אפילו דורך א שליח, און מען דארף נישט חושש זיין וועגן לשון הרע, וויבאלד דאס איז לתועלת השידוך.

מען זאל נישט פרעגן אינפארמאציע ביי איינעם וואס מען ווייסט אז ער איז א

שונא פאר דעם מענטש אויף וועמען מען פרעגט, ווייל ער וועט זיכער געבן שלעכטע אינפארמאציע, און דאס איז לשון הרע (חפץ חיים ח"א כלל ד' סי"א בהערה).

## ד
## שאלה: וואס פאר א אנווייזונגען זענען דא ביים זאגן גוטע אינפארמאציע?

**תשובה:** עס זענען דא עטליכע זאכן וואס מען דארף צו וויסן ווען מען זאגט גוטע אינפארמאציע.

### 1. זאגן קלאר

ווען מען פרעגט אינפארמאציע, דארף מען זיך גוט מתבונן זיין וואס מען גייט ענטפערן, ווייל מען בויעט שטארק אויף יעדע ווארט, און אפילו אויף יעדע תנועה וואס מען טוט, אמאל קען מען צו שטערן א שידוך בלויז מיט א דריי מיט די נאז (והמליצו בזה "כי באפם הרגו איש").

### 2. מען זאל אביסל מגזם זיין

כאטש מען טאר נישט זאגן קיין ליגנט אפילו ווען מען פרעגט אינפארמאציע (הנהגת הצדיקים ח"א דף קפ"ט, בהנהגות רבי יונה לאנדא סופר מפראג זצ"ל אות כ"ח), פונדעסטוועגן דארף מען אביסל מגזם זיין (עפ"י רש"י כתובות ס"ז ד"ה וכנגד), למשל ווען מען פרעגט צו דער בחור איז א בעל מדות, זאל מען נישט ענטפערן איינפאך, ער איז א בינוני, ער האט גאנץ פיינע מדות, נאר מען דארף ענטפערן מיט א זיכערקייט, ער האט זייער גוטע מדות, ער איז מער ווי א אלגעמיינער בחור, יעדער האט אים ליב א.ד.ג., און כאטש עס איז נישט אינגאנצן אזוי, ווייל דער סדר ביי מענטשן איז, אז אויב מען זאגט נישט אזעלכע ווערטער, נעמט מען דאס אן ווי ער איז גאר שוואך.

דאס זעלבע איז ווען מען פרעגט צי ער האט א גוטן קאפ, צי ער איז א תלמיד חכם, זאל מען זאגן, ער האט זייער א גוטן קאפ, ער איז פון די מצויינים א.ד.ג.

דאס זעלבע איז מיטן דאווענען, און מיט יראת שמים, אזוי אויך איבער זיין קלוגשאפט און חכמה, זיין התנהגות, און זיין התמדה א.ד.ג.

דאס זעלבע איז אויך ווען מען אינטערעסירט זיך אויף א מיידל, אז מען דארף זאגן די בעסטע אינפארמאציע, און מיט א זיכערקייט.

## ה
## שאלה: וואס פאר א אנווייזונגען זענען דא ביים זאגן נישט גוטע אינפארמאציע?

כאטש מען טאר נישט רעדן שלעכטס אויף א צווייטן, וועגן די הארבע איסור פון לשון הרע, פונדעסטוועגן שרייבן די פוסקים, אז ווען מען פרעגט אינפארמאציע ביי א שידוך, אויב מען ווייסט אז עס קען ארויס קומען דערפון א רעה, אויב מען זאגט נישט דעם אמת, איז מען מחויב צו זאגן, און דאס הייסט נישט קיין לשון הרע, וויבאלד דאס איז לתועלת פונעם שידוך (חפץ חיים ח"ב כלל ט' ס"א).

נאך מער שרייבן די פוסקים, אז אדרבה מיטן שווייגן איז מען עובר אויף "לא תעמוד על דם רעך", און אויף די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", אבער דאס איז נאר ווען עס ווערט אויסגעפילט די קומענדיגע תנאים (שו"ת תשובות והנהגות ח"א סימן תקנ"ח).

א] מען זאל נישט מחליט זיין ביי זיך אליין, אז דאס איז נישט א גוטע שידוך פאר יענעם, נאר מען זאל זיך גוט מתבונן, און זיך גוט אינטערעסירן צי עס איז טאקע נישט א גוטע שידוך.

ב] אפילו ווען מען איז שוין איבערצייגט אז עס איז טאקע נישט קיין פאסיגע שידוך, דארף מען אכטונג געבן צו זאגן נאר וואס עס איז אמת, מען טאר נישט צולייגן אדער גרעסער מאכן









יענעמס חסרונות.

ג] מען דארף אינזין האבן, אז מען וויל נישט רעדן שלעכטס אויף יענעם, ווייל דאס איז לשון הרע, נאר מען טוט דאס דערפאר, כדי מציל צו זיין יענעם פון א זאך וואס עס קוקט אים אויס אז עס איז נישט פאסיג פאר אים, און נישט ח"ו פאר אנדערע חשבונות.

ד] אויב מען קען זיך ארויסדרייען פון צו זאגן זיינע חסרונות, און זען אויף א אנדערע וועג אז דער שידוך זאל נישט געשען, דארף מען אזוי טאן.

ה] אויב מען איז נישט זיכער אז יענער פארמאגט דעם חסרון, נאר מען האט דאס געהערט פון א צווייטן, טאר מען דאס נישט זאגן, וויבאלד מען וועט דאס אן נעמען פאר זיכער, און דער שידוך וועט ווערן צו שטערט, אויסער אויב מען ווייסט זיכער אז מען וועט זיך נישט פארלאזן אויף זיינע ווערטער, און מען וועט דאס מברר זיין ביי איינעם וואס ווייסט פאר זיכער (חפץ חיים כלל ט' ציור ג' אות י').

ו] אין יעדע פאל וואס מען איז נישט זיכער צי מען מעג דאס זאגן, זאל מען פרעגן א שאלה, און נישט זיך פארלאזן אויף די אייגענע מיינונג.

## ו

## שאלה: מעג מען זאגן נישט גוטע אינפארמאציע ווען מען ווייסט אז מען וועט דאס נישט מקבל זיין?

**תשובה:** אויב מען ווייסט אז איינער וויל טון א געוויסע שידוך, וואס לויט זיין מיינונג איז דא אסאך חסרונות, אבער מען ווייסט אז יענער האט אפגעמאכט צו טאן דעם שידוך, טאר מען נישט זאגן די חסרונות, וויבאלד יענער וויל דאס סיי ווי טאן, און יענער וועט זיך נישט רעכענען מיט זיינע ווערטער, דעריבער זענען זיינע ווערטער לשון הרע (חפץ חיים ח"ב כלל ט' ציור השלישי אות ז').

## ז

## שאלה: מעג מען זאגן אלע חסרונות וואס מען ווייסט?

**תשובה:** אויב מען קען זאגן עטליכע חסרונות, אבער עס פעלט נישט אויס צו זאגן אלע, טאר מען נישט זאגן נאר וויפיל עס פאדערט זיך פאר די אינפארמאציע, אזוי אויך טאר מען נישט זאגן אזעלכע חסרונות וואס זענען נישט שייך צום שידוך (שו"ת תשובות והנהגות ח"א סימן תקנ"ח).

## ח

## שאלה: ווען א שידוך איז נישט געווארן, מעג מען זאגן פארוואס עס איז נישט געווארן?

**תשובה:** מען טאר נישט זאגן פאר קיינעם, אפילו פארן שדכן, אדער פאר זיין משפחה א.ד.ג., אז דער שידוך איז נישט געווארן צוליב די און די חסרון, נאר מען זאל זיך ארויס דרייען מיט אנדערע תירוצים.

דאס זעלבע דארף דער שדכן אכטונג געבן, אז אויב ער האט זיך דערוויסט וועגן וואס פאר א חסרון זיי ווילן נישט דעם שידוך, אז ער זאל דאס נישט איבער זאגן פארן צווייטן צד, ווייל דאס איז רכילות, נאר ער זאל געבן א אנדערע אויסרייד פארוואס זיי ווילן נישט דעם שידוך.

נאכדעם וואס מען האט געשלאסן דעם שידוך, טאר מען נישט זאגן קיין שום שלעכטע אינפארמאציע, אויך טאר מען נישט זאגן אז יענער האט זיך געוואלט משדך זיין מיט מיר, און איך האב נישט געוואלט (ספר חסידים אות קל"ט).

אין די קומענדיגע מאמר וועלן מיר אי"ה קלאר מאכן פארשידענע שאלות וואס עס קען זיך מאכן ביי א שידוך.

המשך יבוא אי"ה








# פתיחת כלים בשבת

כו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו

נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

**המשך משבוע העבר**

**[אויב די מצות ליגן אין א פלעסטיק בעג]**, און עס האט א באשטימטע פלאץ וואו עס איז געמאכט צו אויפרייסן, און אונטער דעם איז דא א 'זיפלאק' אז מען זאל קענען ווייטער האלטן די מצות אין דעם בעג, טאר מען נישט עפענען די בעג ביי דעם פלאץ וואס איז געמאכט פאר דעם (צוליב די איסור פון מאכן א פתח).



[בילד 1] עפענען די בעג אין וועלכע עס ליגן די מצות



[בילד 2] די ליידיגע בעג פאר מען לייגט אריין די מצות

**עצה א:** מען זאל עפענען די פלעסטיק בעג (אפילו אויף די געהעריגע פלאץ), און גלייך ארויסנעמען אלע מצות,[1] און אוועקווארפן די בעג.

**עצה ב:** מען זאל אויפשניידן רוב פון די פלעסטיק בעג, פון ביידע זייטן, און דעמאלטס קען ער דארט לאזן די מצות.

## סעיף יב

**עפענען א פאפירענע בעג פון צוקער וואס די עפענונג איז פארקלעבט פון אויבן.**




[בילד 3]

מען טאר נישט עפענען די בעג דארט וואו עס איז פארקלעבט פון אויבן (אלס איסור פון קורע).

**עצה א:** מען זאל מאכן א לאך אין די בעג, און אויסגיסן די גאנצע צוקער אין א קאנטעינער אדער אין אן אנדערע בעג, און אוועקווארפן די בעג.[2]

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז מען זאל נישט דארפן אלעס ארויסגיסן) אז מען זאל מאכן א לאך, נישט אויף די פלאץ וואו עס איז פארקלעבט, און מען זאל ארויסגיסן וויפיל צוקער מען דארף פאר שבת, און מוצאי שבת זאל מען עס עפענען געהעריג (אויף די פלאץ וואו עס איז צוגעקלעבט).

## סעיף יג

**צורייסן די פאפיר וואס נעמט ארום א שטרוי.**



[בילד 4]

מען מעג אראפרייסן געהעריג די פאפיר וואס נעמט ארום די שטרוי (און עס איז נישט דא קיין איסור נישט פון קורע און נישט פון סתירת כלי).

## סעיף יד

**אראפרייסן די פלעסטיק וואס איז דא אויף די עפענונג פון די פאפירענע ארענדזש דזשוס פלעשלעך א.ד.ג.**




[בילד 5]

מען טאר נישט אראפרייסן אין שבת די פלעסטיק וואס קומט אויף די עפענונג פון די גרויסע פאפירענע ארענדזש דזשוס פלעשלעך, אפילו אויב מען ליידיגט עס איגאנצן אויס און מען ווארפט עס אוועק.

**עצה א:** מען זאל מאכן א נייע לאך אויבן פון די פלעשל, און אויסגיסן די גאנצע אינהאלט צו א צווייטע כלי, נאכדעם זאל מען אוועקווארפן די פלעשל.[3]

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז ער זאל נישט דארפן אלעס אויסגיסן) אז מען זאל מאכן א נייע לאך פון אויבן, און מען זאל אויסגיסן אויפאיינמאל וויפיל ער דארף פאר שבת (און מען זאל מער נישט נוצן דעם לאך), און נאך שבת זאל מען עס עפענען אויף די געהעריגע פלאץ.

---

1 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג).

2 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג).

3 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג).

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## ונתנם בכל שונאך

עס ווערן פארציילט אסאך מעשיות פון די פריערדיגע צדיקים, ווי זיי האבן געהאלפן אידן מיט'ן אוועקנעמען זייערע צרות און מחלות דורכ'ן עס טוישן צו א צווייטע גוי.

עס איז באקאנט די פאלגענדע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביים הייליג'ן סבא קדישא זי"ע איינמאל בעצם יום הפורים:

עס איז געווען א איד ר' גרשון אייזענבערגער ז"ל פון קאראס, וואס האט געליטן פון א שרעקליכע מחלה ל"ע, און ער האט געהאט דערפון שרעקליכע יסורים, ביז עס איז צוגעקומען צו א מצב פון סכנות נפשות.

ווען עס איז געקומען פאר פורים, האט זיין משפחה באשלאסן אים צו ברענגען פורים קיין טאהש צום הייליג'ן סבא קדישא זי"ע, וואס איז געווען באקאנט מיט זיין גרויסע עבודה אין פועל'ן ישועות ביום הפורים, מען האט אים אריינגעברענגט פורים אין ביהמ"ד אויפ'ן בעט, ווען מען האט אים צוגעטראגן צום סבא קדישא האט ער זיך אויסגעוויינט אויף אלע זיינע יסורים, און געבעטן פאר א רפואה שלימה.

ווען דער סבא קדישא האט געזעהן ווי שרעקליך ער קוקט אויס, האט ער געבעטן מען זאל רופן א גוי וואס האט געוואוינט דארט אין טאהש, מיט'ן נאמען "פעקעטע קאקא", און מען האט אים אריינגעברענגט צום סב"ק, דער סב"ק האט אים געפרעגט צו ער איז מסכים אפצוקויפן די מחלה פון דעם איד, האט דער גוי גענטפערט אז אויב דער רבי הייסט איז ער מסכים.

דער סב"ק האט געגעבן א סכום געלט פאר'ן גוי, און געשלאסן מקח מיט אים, עס איז נישט אריבער קיין סאך צייט און ר' גרשון איז געזונט געווארן, און דער גוי האט אנגעהויבן ליידן פון דעם קרענק ביז ער איז אויסגעגאנגען פאר יסורים.

*

הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאן'ער זי"ע איז אמאל אנגעקומען אין די שטאט לבוב, איז ער געגאנגען באזוכן ביים רב פון שטאט דער הייליגער ישועת יעקב, אינמיטן איז אנגעקומען א פרוי צום ישועת יעקב און זיך געוואונט וויינען פאר רבי מאיר'ל אז איר מאן איז נישט געזונט, און געבעטן אז ר' מאיר'ל זאל מתפלל זיין פאר אים, האט ר' מאיר איר צוריק געענטפערט, אז דו קענסט רואיג אהיים גיין וויל דיין מאן איז שוין געזונט.

די ישועת יעקב מיט זיין זון ר' מרדכי זאב וואס איז אויך געווען דערביי האבן זיך צושמייכלט, זיי האבן זיך זייער געוואונדערט אויף רבי מאיר'לס ענטפער פאר די פרוי, ער האט דאך אפילו נישט מתפלל געווען, ווען רבי מאיר'ל האט באמערקט אז זיי פארשטייען דאס נישט האט ער זיך אנגערופן "מען לאכט שוין פון מאיר'ן אויך".

און רבי מאיר'ל האט ווייטער געזאגט: "אויב גלייבט עטס נישט קען מען שיקן די משמש זאל גיין קוקן צו ער איז טאקע געזונט געווארן", האבן זיי געשיקט די משמש און ער האט טאקע געזעהן ווי דער מאן וואקט ארום ווי א געזונטע מענטש, מיט גרויס וואונדער האבן זיי געפרעגט פון רבי מאיר'ל פון ווי ער האט אזא גרויסע כח צו באווייזן אזעלכע מופתים.

האט ער זיי געזאגט, אז ער גייט זיי פרעגן א שאלה אין א שטיקל גמרא און אויב זיי ווייסן די תירוץ וועט ער זיי אויסלערנען צו זיין א רבי. עס שטייט אין גמרא (מסכת ברכות), ר' חנינא בן דוסא האט מתפלל געווען אויף חולים און נאכדעם האט ער געזאגט זה חי וזה מת, לכאורה דאס אז ער האט געזאגט זה חי פארשטייט מען, אבער פארוואס האט ער געדארפט זאגן פאר חולים אז זיי גייען שטארבן?

האט זיי רבי מאיר'ל מסביר געווען, אז עס שטייט אין חז"ל "הקב"ה גוזר גזירה וצדיק מבטל", לכאורה איז שווער ווי אזוי קען א צדיק מבטל זיין די רצון הבורא, נאר וואס דען עס שטייט אין פסוק ואתן אדם תחתיך, אל תקרי אדם אלא אדום, אויך שטייט נתתי כפרך מצרים, די פשט פון די פסוקים זענען אז אסאך מאל איז דא א גזירה אויף אידישע קינדער, און דער אייבערשטער לייגט די גזירה אנשטאט דעם אויף די גוים, די זעלבע זאך אויך ווען עס איז דא א גזירה אויף א איד, קען א צדיק מתפלל זיין אויף דער איד און ער פועל'ט ביים אייבערשטן צו געבן די גזירה פאר א גוי, דורך דעם איז ער מקיים די רצון הבורא און די מדת הדין ווערט אויסגעפירט, און דורך דעם איז דער צדיק מבטל די גזירה פון אידישע קינדער, און דאס האט ר' חנינא בן דוסא אויך געטון, ער האט געזאגט זה חי - די אידישע חולה זאל לעבן, וזה מת - אנשטאטס אים זאל א גוי שטארבן.






# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר מקאמארנא זי"ע

*דעם קומענדיגן דינסטאג ראה, כ"א מנחם אב הבעל"ט געפאלט אויס די יודהל"ק פון הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין מ'קאמארנא זי"ע בעל מחבר ספר "זכרון דברים", מען האט אים גערופן בלשון חיבה רבי סענדר'ל.*

### ואלה מתולדותיו

רבי סענדר'ל איז געבוירן געווארן צו זיינע עלטערן, זיין הייליגע פאטער הרה"ק רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין זי"ע, און צו זיין מוטער הרבנית הצדיקת הינדא ע"ה, אינעם שטאט סאפרין וואס איז אין גאליציע, און ער איז געוועזן שטאט'ס רב אין זידיטשוב, ראוונע, און אין קאמארנא.

דער דערמאנטער רבי יצחק אייזיק מ'סאפרין, איז געווען א זון פון הרה"ק רבי צבי זי"ע, א זון פון הרה"ק רבי אלכסנדר זי"ע.

אין ספר זקן ביתו שרייבט דער אייניקל הרה"ק רבי אליעזר צבי מ'קאמארנא זי"ע (פ"א מ"ד), אז ווען רבי אלכסנדר (זקינו של רבי סענדר'ל) האט געוואוינט אינעם שטאט סטעבניק, וואס איז נאנט צום שטאט דרוביטש, זענען שטענדיג איינגעשטאנען דארטן גדולי הדור, צדיקים, און רבנים, וועלכע זענען געזיצן אינאיינעם פאר לאנגע שעה'ן ברציפות, פאר 5-4 שעות און זיך מתעמק געווען בתורה הק' ובעבודת השי"ת, צוזאמען בפלפולי דאורייתא, און עקסטער האט דער רבי אלכסנדר געלערנט מיט זיי א יעדן טאג כאטשיג איין שעה תורה וחסידות, רזין דלעילא.

און דורכדעם האט ער זוכה געווען צו האבן די אייניקלעך וועלכע האבן פארשיינט די וועלט מיט זייער לעכטיגע אור, די צדיקי הדור לבית זידיטשוב - קאמארנא.

כ"א מנחם אב אין יאהר תקע"ח לפ"ק מוצשב"ק האט רבי סענדר'ל אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה לחיי עולם הבא.

זייענדיג אין קאמארנא, האט רבי סענדר'ל זיך געזעגנט מיט די משפחה, און געזאגט אז ער פארט נסתלק ווערן קיין אונגארן. און ער איז געקומען לקבורה אינעם שטאט אוהעל – אונגארן.

ביי די לוי' האט מספיד געווען דער מרא דאתרא דער הייליגער ישמח משה זי"ע, ווי ער האט דערביי געבעטן פון רבי סענדר'ל זאל מעורר זיין רחמים אויף אים איבער די רדיפות וואס ער האט בימים ההם געליטן פון די מתנגדים, און והיה לפלא אז רבי סענדר'ל האט געציטערט עטליכע מאל, אזוי ווי ס'איז געווען דרכו בקודש בחיים, ווען מ'האט זיך פאר אים מזכיר געווען.

אינעם אהל הקדוש אין איהעל, ליגן עד היום די צוויי קדושים וטהורים הרה"ק רבי סענדר מקאמארנא זי"ע און הרה"ק בעל ישמח משה זי"ע.

### זיינע אינגע יארן

איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פון רבי

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

*זכר צדיקים לברכה*

| | | |
|---|---|---|
| כ"א אב | הרה"ק רבי אלכסנדר סנדר בן רבי יצחק אייזיק זי"ע - מ'קאמארנא - זכרון דברים | תקע"ח |
| כ"ב אב | הרה"ק רבי מאיר בן רבי יעקב זי"ע - ר' מאיר הגדול מ'פרעמישלאן | תקמ"א |

*זכר חסידים לברכה*

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ' אב | הרב החסיד ר' בנימין בן ר' אברהם שמואל ע"ה פיליפסון | | ביה"ח בשוועדן |
| כ"ב אב | הילד יואל ע"ה בן ר' חיים אלעזר הי"ו דייטש<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשנ"ג | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ב אב | הרב החסיד ר' אליעזר בן ר' יהודה ע"ה פאשקעס | תשנ"ב | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ד אב | האשה החשובה מרת חי' פיגא בת ר' דוב ע"ה ניימאן | תשנ"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ד אב | האשה החשובה מרת מירל בת ר' אשר לעמיל ע"ה ניימאן<br>אשת הרה"ח ר' יעקב מאיר ע"ה | תשנ"ו | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ד אב | האשה החשובה מרת אסתר בת ר' משה מנחם הלוי ע"ה סאנדעל<br>אשת הרה"ח ר' אברהם יצחק ע"ה | | ביה"ח בקרית יואל |

סענדר׳ל אין זיינע יונגע יארן, ווערט דערציילט דורך זיין זון הרה״ק רבי אייזיק׳ל מ׳קאמארנא זי״ע (בהקדמה לספר זכרון דברים) אז ווען רבי סענדר׳ל איז אלט געווען בלויז 7 יאר, האט ער שוין געקענט הני תלת בבא קמא, מציעא, ובתרא, און עס איז געווען ביי אים שגור בפיו, און ער האט געקענט זאגן און פונקטליך אנווייזן וועלכע שיטה פון וועלכער בעל מימרא ס׳קומט.

רבי סענדר׳ל איז געווען א גאון עצום ורב, בקי וחריף בש״ס ופוסקים בנגלה ובנסתר. זיין זון׳ס ברודער הרה״ק רבי יודא צבי מ׳ראזלא זי״ע, איז געווען א תלמיד פון רבי סענדר׳ל, און זיי האבן אינאיינעם געלערנט תורת הנגלה.

רבי סענדר׳ל איז געווען געוואוינט צו זיצן יומם ולילה אין ביהמ״ד, מעוטף בטלית ותפילין, הארעוועדיג על התורה והעבודה, און זיין פנים האט שטענדיג געלאכטן פונעם אור התורה, זיין הארץ איז געווען א ברענעדיגער פייער צו תורה ועבודה מיט מסירות נפלאה.

דער הייליגער עטרת צבי זי״ע האט זיך אמאל אנגערופן: ״ווען מיין ברודער רבי סענדר׳ל טוט א מצוה, שפירן ביי אים אפילו די פיס א חיות רוחני״. (וואס ווי באקאנט איז די פיס, די עקביים די גאר נידריגסטע בחינה).

## עבודתו בהתפשטות הגשמיות

דער זון פון רבי סענדר׳ל, רבי אייזיק׳ל מ׳קאמארנא זי״ע, ברענגט אין זיין ספר נתיב מצותיך, אז זיין טאטע רבי סענדר׳ל, האט איינמאל ׳פארגעסן׳ צו עסן פון מוצאי שבת ביז דאנערשטאג, ווען זיין תלמיד הרה״ק מ׳ראזלא זי״ע האט געפרעגט פון זיין רבי, רבי סענדר׳ל פשט הדברים, פארוואס ער האט נישט געגעסן, האט רבי סענדר׳ל געענטפערט, איך האב בכלל נישט געהאט קיין פלאן צו פאסטן אין די עטליכע טעג, נאר איך האב ׳פשוט פארגעסן׳ צו עסן, און ווען איך וואלט געדענקט וואלט איך ווען יא געגעסן.

זעען מיר די גרויסע מדריגות און הייליגקייט, און זיין התפשטות הגשמיות, און ווי ער איז געליגן א גאנץ לעבן אין א תענוג רוחני פון בלויז שפירן א חיות אין עבודת השי״ת.

## בנו ותלמידו

רביה״ק זי״ע דערציילט אין עבו״ע (שיח״ק ח״ג עמוד ה׳), אז ווען רבי סענדר׳ל האט געהאט זיין קינד רבי אייזיק׳ל למז״ט, איז מיטגעקומען א מורא׳דיגע לעכטיגקייט, א גרויסע אור, און ווען רבי סענדר׳ל האט געזען די אור אז ער האט ב״ה זוכה געווען צו דעם לעכטיג קינד, האט ער לכבוד דעם אפגעראכטן א סעודה פאר 3 טעג אינעם שטאט סאמבור ווי ער האט דעמאלטס געוואוינט, ביי די טעגליכע סעודות אין די 3 טעג האבן זיך אנגעזאמלט, חסידים ואנשים מכובדים, ווי אויך צווישן זיי הרה״ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע.

אינעם טאג פון דעם שלישי למילה, איז אנגעקומען אינעם שטאט סאמבור א צדיק וקדוש, אחד מתלמידי הבעש״ט און אלע שטאטסלייט זענען געגאנגען געבן שלום און מקבל זיין ברכות פונעם גרויסן גאסט וואס איז געקומען צו זיי אין שטאט.

איז אויך רבי סענדר׳ל געגאנגען מיט׳ן ניי געבוירן קינד, צו נעמען ברכת תלמיד חכם, ווען דער צדיק האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויפ׳ן קאפ פונעם קינד צו אים בענטשן, האט דער צדיק אנגעהויבן צו שרייען קולי קולות און געזאגט: ״אוי האט דאס קינד א נשמה גדולה, מוח גדול, און דו זאלסט נישט מורא האבן אז עס קען אים שאטן פאר א עין הרע, נאר דאס קינד וועט מאריך ימים זיין, און וועט נאך באשיינען די וועלט״.

## זיינע הויעכע מדריגות

רבי אייזיק׳ל זי״ע שרייבט אין מגילת נסתרים אז אויפ׳ן קבר פון זיין טאטע רבי סענדר׳ל איז דא יעדן ערשב״ק נאך חצות אן עמוד של אש וועלכע ברענט עד לב השמים.

רבי סענדר׳ל איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן חוזה פון לובלין זי״ע, און לאחר פטירתו פון רבי סענדר׳ל, איז דער חוזה געקומען אין חלום צו איינע פון זיינע תלמידים חביבים, און מעיד געווען, אז רבי סענדר׳ל איז געווען איינע פון די ל״ו צדיקים פונעם דור.

אין עבו״ע (שיח״ק ח״א עמוד שמ״ג) דערציילט רביה״ק זי״ע, אז רבי סענדר׳לס זון, בעל עטרת צבי זי״ע, האט אויסגעלויבט זיין טאטע נאכן פטירה, מיט דריי זאכן וואס ער האט דורכאויס זיין קורץ לעבן אייביג איינגעהאלטן. 1) נישט גערעדט פון קיין דריטן אפילו לטובה, 2) זיך נישט געזעצט עסן א סעודה אן קיין גאסט ביים טיש, 3) זיך קיין איין מאל נישט געזעצט עסן א סעודה, אן דעם וואס ער זאל מחדש זיין חדשות באור התורה.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן









## אמירת דברים שבקדושה נגדם

יח. היה נזהר שלא לומר שום דבר שבקדושה נגד המים הטמאים (יט).

## נט"י לשינה ביום או בשינת עראי

יט. כשישן ביום הלך אח"כ ליטול ידיו מהכיור (כ) ולא דקדק אז להכין המים סמוך למיטתו, וכן כשנרדם על הכסא בשינה יותר משׁשה מינוטין [-דקות]. אבל אם נרדם בלילה לפני חצות וישן לערך רבע שעה, לא קם מהכסא עד שהביאו לו מים לרחוץ ידיו (כא).

## רחיצת הפנים

כ. אחר השינה רחץ את פניו במים כמה פעמים (כב).

### מעיינות הלוי

**יט)** בשערי תשובה (סי' ד סק"ח) הביא בשם הברכי יוסף (סי' ד סק"ד) וז"ל, מנהג החרדים אל דבר ה', שלא לקרות ולברך נגד המים שנטלו בהם שחרית, וכן היה נוהג הגאון מופת הדור רבי חיים אבועלפיה ז"ל. וכתב בזוהר חי (ח"ב דף שמו ע"ב), יזהר שלא לומר שום דבר שבקדושה בעוד שהמים הטמאים הארורים בבית, וכן כתב בזר זהב (סק"א, ובסי' ד' סק"ט).

**כ)** בשו"ע (סי' ד' סעיף טו) כתב, ישן ביום 'יש להסתפק' אם צריך לערות מים עליהם ג' פעמים, ופסק הרמ"א ויטלם בלא ברכה.

וטעם הספק מבואר בבית יוסף, דלפמש"כ בזוהר (פ' וישלח עמ' קסט) דנטילת ידים שחרית משום דכיון דנשמתא נפקית מיניה, שריא רוח מסאבא, אם כן אפילו שינה ביום גורם לרוח רעה. אמנם לטעם שנתן הארחות חיים (דיני נט"י סי' יא) דהוא משום בת מלך [שם קליפה] השורה על הידים כל הלילה עד היום, ואינו תלוי כלל בשינה אלא ב'לילה', א"כ אפילו ניעור כל הלילה צריך נטילה, אבל ביום אפילו הישן אינו צריך נטילה.

ודעת המקובלים דגם הישן ביום שורה עליו רוח רעה, הובא בשערי תשובה (סי' ד סק"י) בשם מה"ר חיים ויטאל, 160וכ"כ בספר סדר היום (סדר נטילת ידים) וז"ל, נראה לי שהישן ביום יותר משיתין נשמי, דטעם טעם מיתה ושרה עליו רוח טומאה שצריך נט"י ולערות עליהם שלשה פעמים כראוי להעביר ממנו כח אותה טומאה, ואע"פ שלא הזכירו רוח הטומאה ועירוי שלשה פעמים כי אם בלילה, היינו משום שלא דיברו אלא בהוה ודרך העולם כך, אבל מי שישן ביום שהגיע למדרגת רוח הטומאה אין הכי נמי ששורה עליו, ומקום מצא להתגדר, וצריך להעביר אותו מעליו וכו' וצריך עירוי ג"פ.

ובמג"א שם (ס"ק יד) הביא את דבריו, וכתב דדוקא בישן ביום כשיעור שיתין נשמי. ובשע"ת (שם סק"י) מביא כמה שיעורו, שלש שעות. יותר מחצי שעה. ודעת הרמ"ע מפאנו שלש מינוטין ושליש. ובביאור הלכה (שם ד"ה דוד) כתב שכל בעל נפש יחמיר לפי כוחו, ע"כ.

ובכף החיים (שם סק"נ, סי' קסד סק"ט)כתב דיש להחמיר וליטול אפי' בישן פחות מס' נשמי, ואם יותר, ודאי צריך נט"י בלא ברכה.

ואכן כמה צדיקים נהגו ליטול ידים גם אחר שינה מועטת ביום, כמובא בנזר הקודש (מנהגי ראפשיץ), ובספר דרכי חיים צאנז, וכן נהג רבינו הסב"ק זי"ע, והרה"ק רבי יהוסף מקאסאן זי"ע.

**כא)** כתב הרה"ק מבוטשאטש שהחומרא ליטול ביום הוא רק לענין נטילה, אבל לענין שלא לילך ד' אמות בלי נטילה, זה דוקא בישן בלילה שינת קבע. אבל זולת זה אינו מעיקר הדין ולא הוזכר כלל בשו"ע, ואין אפילו מדת חסידות להחמיר.

כמש"כ באשל אברהם (סי' ד ס"א ד"ה עוד מצאתי) וז"ל, ראיתי בספרים הק' שמזרזים ליטול ידים קודם קומו ממטתו. אך נראה שבשינה ביום, שהנטילת ידים הוא רק משום כבודו דהבית יוסף ע"ה שכתב ספיקות בזה, שהרי בשם האר"י ע"ה העידו שאין צריך נטילת ידים, כי אם על ידי ב' בחינות יחדיו שינה ולילה, דהיינו שינה בלילה דוקא, וכיון שבבית יוסף ע"ה לא כתב שום רמז שלא לקום ממטתו בשחרית בלי נטילת ידים, אם כן מה שאנו עושים לכבודו דהב"י ע"ה, אין לנו לעשות בזה יותר מכפי דבריו, וכן נהגתי עד כה, ע"כ.

ובספר הליכות קודש (קאסאן, אות ג) כתב שלא היה נוהג האור מלא זי"ע להכין מים סמוך מיטתו לשינת הצהריים. אבל הקפיד שלא לדבר כלום קודם הנטילה.

וכן נהג רבינו שהחמיר ליטול ידים אפילו על שינה פחות מס' נשמי, אבל לגבי שלא לילך ד' אמות בלי נטילה, החמיר רק בלילה כשנרדם על כסאו לערך רבע שעה, לא קם מן הכסא עד שהביאו לו מים לרחוץ ידיו.

## רחיצת הפה

**כא. לאחר מכן שטף כמה פעמים את פיו במים (ט) מתוך כלי כג) ולפני זה שפך מים מהכלי ג' פעמים כד).**

[בענין זהירות שלא להניח מי הנטילה או שום דבר תחת המטה ראה להלן סי' מז סעיף ו'].

### סימן ג'

# עניני לבישת הבגדים

## נקיות הבגדים

**א. לגודל קדושתו נתקיים אצלו הפסוק (קהלת ט, ח) 'בכל עת יהיו בגדיך לבנים', שלמרות שלא החליף בגדיו כלל במשך כל ימי השבוע, רק בערב שבת אחר המקוה החליפם לכבוד שבת קודש, אעפ"כ היו כל מלבושיו צחים ונקיים להפליא א) ולא היה נמצא עליהם שום רבב וזוהמא. (א) וסיפר שכן ראה אצל אבוה"ק זי"ע שהחליפו בגדים רק לכבוד שב"ק [א].**

### מעיינות הלוי

**כב)** בגמ' (שבת נ, ב) רוחץ אדם פניו ידיו ורגליו בכל יום משום כבוד קונו. וכתב רש"י (ד"ה בשביל), לכבוד קונהו, דכתיב (בראשית ט, ו) 'כי בצלם אלקים עשה את האדם' וכו'. הובא במג"א (סי' ד סק"א)..

ובעטרת זקנים (שם ס"ב) כתב, כשרוחץ פניו יאמר, 'ראשו כתם פז קוצותיו תלתלים שחורות כעורב' (שיר השירים ה, יא). גם יכוין כי הוא מורה על קדושה עליונה, כי בצלם האלקים עשה את האדם, גם צריך לרחוץ משום 'הכון לקראת אלקיך ישראל' (עמוס ד, יב), וכשרוחץ לחיו וכו'. וכעין זה כתב בספר אגרא דפרקא (אות קמא).

ובחיי אדם (כלל ב אות ו) כתב, אע"פ דאין חיוב נטילה אלא הידים בלבד, מכל מקום מצוה שירחוץ גם פניו, כי כל פעל ה' למענהו עשה, וכיון שהגוף נברא לעבוד ה', והוא לבוש של הנשמה שהיא נר ה' נשמת אדם, מהראוי לכבד הלבוש כמו עבדי המלך ששומרים בגדיהם שנתן להם המלך, מכל טינוף, כן ראוי לרחוץ פניו שלא יהיה עליו שום דבר מאוס, וכן במלבושים שלובש האדם, ומכל שכן ת"ח וכו'.

וכתב בדעת תורה למהרש"ם (סי' ד ס"א), שהיום שהולכים בפוזמקאות אין צריך לרחוץ את רגליו. ועי' באשל אברהם בוטשאטש.

**כג)** כתב השו"ע (סי' ד סעיף יז) וז"ל, יש נוהגים לרחוץ פיהם שחרית מפני הרירים שבתוך הפה. והבית יוסף (שם אות יז) הביא מהכל בו (סי' א) והאבודרהם (דיני נטילת ידים שחרית) הטעם, משום שצריך להזכיר את השם הגדול בקדושה ובטהרה וכו'. וכתב בסדר היום (כוונות הברכות), וירחץ פיו ושיניו היטב, לקבל עליו עול מלכות שמים בטהרה ובקדושה.

**כד)** מקורו בגמ' חולין (קה, ב), ואמר אביי, מריש הוה אמינא האי דשדי מיא מפומא דחצבי, משום ציבתא [ופירש רש"י (ד"ה דשדו), השותה בכד, שופך תחלה מן המים לארץ. משום ציבתא. קסמין וקשין שעל פני המים], אמר לי מר משום דאיכא מים הרעים [ופירש רש"י (ד"ה מים), פעמים ששתה מהן שד וזו תקנתן], ומביאה שם הגמרא עובדא על זה, עיי"ש.

**סימן ג'**

**א)** כתב בשלה"ק (שער האותיות) שידקדק שיהיה מלבושיו טהורים ונקיים, כי טהרת המלבוש יעורר טהרת הגוף, וטהרת הגוף יעורר טהרת הנפש.

וכתב בליקוטים בסוף מנהגי מהרי"ל (אות מו), שמהרי"ל לא היה רגיל לכבס סדינין ששוכב עליהם בכל לילה, רק מפסח לפסח, ומ"מ נקיים הם משאר סדיני בני אדם ששכבו בהן שבועיים, עיין שם, כי צדיקים כאלו לא שלטה בהם זיעה ובבחינת 'שמלתך לא בלתה' (דברים ח, ד) וגו', ע"כ.

ובספר אמרי פנחס, קאריץ (שער הקדושה אות ט) כתב, עוד סיפר הזקן רבי יצחק ב"ר שלמה מקאריץ [אחיו של הרה"ק רבי לייב שרה'ס] היה רגיל מאוד להקפיד על מלבושיו שיהיו נקיים ונאים, והיה הולך בקאפטן כמה שנים ולא נמצא שום דבר עליו, כמו רבי זאב מזיטאמיר ז"ל וכו'. ובספר פאר יצחק החדש (עמ' רס) איתא, מלבושיו של רבינו [הרה"ק מהרי"א מזידיטשוב זי"ע] היו תמיד נקיים וכל רבב לא נמצא בהם.

ובספר עבודת הלוים (ח"ב פ"א אות ז) איתא, רבינו הסב"ק זי"ע היה נקי בכל דרכיו ומסודר בכל מעשיו, כל ימי חייו היה מדקדק עד מאוד על סדר ונקיון, ומעולם לא ראו רבב על בגדו, גם לא אבק בעלמא או קרע בבגדיו.

### עבודת הלוי

**(ט)** וכן היה זהיר לעשות כן לפני כלשתיה.

**סימן ג'**

**(א)** גם כאשר מקורביו ביקשוהו רבות להחליף את מלבושיו באמצע השבוע, לא נענה לבקשתם. 71והיה רגיל לספר שראה מנהג זה לא להחליף את הבגדים במשך ימי השבוע אצל זקינו הסב"ק זי"ע. וכן מובא בספר עבודת הלוים, הובא במעיינות הלוי כאן.

כאשר נשאל פעם בטעם הדבר, נענה ואמר בענוות קדשו: 'הרי אין אני עושה כלום לכבוד שבת קודש, רק זאת שאני מחליף את המלבושים, ואף גם זאת רוצים לקחת ממני'.

אירע פעם שהיה צריך להיפגש עם אחד משרי העיר, והמקורבים ביקשו ממנו שיחליף את מלבושיו לכבוד השר, ובפרט כי במשך ימי השבוע התלכלך קצת אחד מגרביו, ואינו מכובד לקבל את פני השר כך. לאחר רוב הפצרותיהם נענה לדבריהם, והסכים להחליף רק את אותו גרב שהתלכלך.

יצויין כי גם לא השתמש בבורית [-סבון] כל ימות השנה (מלבד ערב פסח וערב יום הקדוש), ועם כ"ז היה נודף ממנו ריח טוב.

מאידך גיסא כאן המקום לציין זהירותו שראו במדת נקיותו בכמה אופנים שהיתה בצורה נפלאה, כשראה איזה דבר שמונח על הארץ כמו ניירות או איזה פסולת וכדומה, ציוה להרימו ולנקותו. כשעלה על מדריגות ביתו או בבית המדרש, וכן כשפסע לאחוריו אחר תפלת י"ח וכן בקדיש, היה מגביה את שולי מעיל הבעקיטשע לבל יתלכלך מעפר ואבק הארץ.

### בארות הלוי

**סימן ג**

**[א]** כל התנהגותו של זקיני הק' היתה בנקיות רב, כל פעם טרם נטל ידיו לסעודה, כרך מטפחת אחת על זקנו, כמו שכורכים לילד קטן שלא יתלכלך, ומטפחת שניה פרס על ברכיו. וכן בבוקר אחר התפילה, כאשר טעם עוגות עם מעט בארשט, קשר מטפחת כזו על זקנו, לא היה דבר כזה שיהיה בגדו קרוע, או שלא יהיו לו כפתורים בבגד, אלא כל מלבושיו היו מסודרים ומשומרים בנקיות. פעם אחת בשבוע נתן לנקות את נעליו, מעולם לא ראוהו הולך בנעליים מלוכלכות בטיט וכדומה.

גם סדר העישון בפייף שלו עשה בנקיות גדולה ובסדר נפלא, הפייף היה ארוך מאוד, באופן שמעולם לא התלכלך מהטאבאק, שבימים ההם היה בא עטוף בניירות, מניירות אלו עשה כמו מקל ארוך, שעל ידם הדליק הפייף מרחוק, שלא יתלכלך מהאפר.

הנקיות הזאת, היתה נקיות של קדושה וטהרה, שעל זה נאמר במשנתו של רבי פנחס בן יאיר (סוטה מט, ב) נקיות מביאה לידי פרישות, ופרישות לידי טהרה, טהרה מביאה לידי וכו' רוח הקודש. לא נקיות שמצוי היום בין בני הנעורים, שהכוונה לשם יפוי הגוף ר"ל, אלא נקיות המביא לידי טהרה. את זה הרגישו בכל פעולותיו של זקיני הק', הארה של טהרה גדולה, טהרה עילאה, כן הרגישו באכילה ושתיה שלו, בשינה שלו (שיח"ק ח"ג עמ' קח).

# אבותינו ספרו לנו

זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק זי"ע

## הרה"צ רבי יעקב ראזענבוים שליט"א

## מ'זוטשקא-קאראקאס

(ח"א)

### דעם רבי'נס טעגליכע עבודה

צום אלעם ערשט וויל איך מקדים זיין, אז זייער אסאך פון וואס עס איז פארגעקומען דורכאויס די צענדליגער יארן וואס איך האב געהאט די זכי' זיך צו דרייען בקרבתו פון רבינו הק' זי"ע, געדענק איך שוין נישט היינט צוטאגס. די סיבה דערצו איז, וויבאלד מיר האבן בכלל נישט געזען אין דעם קיין חידושים. די העכערע עבודה אדער די פילע מופתים וואס מען האט געזען זענען געווען ווי דברים פשוטים, ווייל דאס אלעס איז פארגעקומען טאג טעגליך און עס איז ניטאמאל געווען א חידוש אין אונזערע אויגן.

דאס אז דער רבי האט נישט געגעסן א גאנצן טאג, אדער צומאל אפילו לענגער דערפון; דאס אז ער האט גע'פועל'ט אפענע ישועות און מופתים למעלה מדרך הטבע; דאס אלעס איז געווען א געווענליכע ערשיינונג. דעריבער האבן מיר זיך נישט אזוי שטארק איינגעקריצט אין זכרון בשעת מיר האבן מיטגעהאלטן פונדערנאנט, און מען קען זאגן אז "יותר ממה שקריתי לפניכם היה כאן".

### באזוך אין טאראנטא

דאס ערשטע מאל ווען איך האב געזען רביה"ק זי"ע איז געווען ווען איך בין געווען א קליין קינד פון זעקס יאר אלט.

בשנת תשכ"א, ווען איך בין געווען בערך זעקס יאר אלט, האבן מיר זיך אריבערגעצויגן פון מעקסיקא, וואו מיר האבן געוואוינט ביז דעמאלטס, קיין טאראנטא. דארט פלעגט דער רבי כסדר קומען באזוכן וויבאלד אין יענע יארן נאכ'ן קריג האבן זיך אסאך היימישע אידן געהאט באזעצט דארטן, און דער רבי האט געוואלט מחזק זיין די אידישע קהילה אין שטאט.

ווען דער רבי איז געקומען באזוכן אין טאראנטא, האט מיין מלמד גענומען אלע קינדער פון זיין כתה און אונז געטראגן צום שטוב פון הרה"ח ר' מרדכי ווייס ע"ה, וואו דער רבי איז איינגעשטאנען צו זען דעם רבי'ן. איך געדענק נאך ווי היינט, ווען מיר זענען אריינגעקומען אינעם צימער וואו דער רבי האט געהאלטן אינמיטן דאווענען, און כדרכו בקודש איז ער געשפרונגען און געטאנצן מיט אן אויסטערלישער התלהבות.

עס זענען געווען קינדער וואס עס איז געווען זייער אויפפאלנד אין זייערע אויגן, זיי זענען נישט געווען געוואוינט צו זען אזא זאך, און זייענדיג קליינע קינדער האבן זיי נישט פארשטאנען אז מען רעדט פון אן איש קדוש וטהור. איך האב נאך אויך נישט באגריפן פון וועמען מען רעדט דא, אבער מיר האט עס יא איבערגענומען. כאטש איך האב ניטאמאל געוואוסט וועלכער רבי דאס איז, און זיכער נישט אז דער רבי איז א נאנטער קרוב (זייענדיג אן ערשטע קאזין מיט מיין מאמע ע"ה), האט עס מיר געכאפט.

איך געדענק אז ווען איך בין אהיימגעקומען יענעם טאג, האב איך מיט התרגשות איבערדערציילט פאר מיינע עלטערן איבער די מורא'דיגע איבערלעבעניש וואס מיר האבן היינט געהאט. און זייט דעמאלטס האב איך געהאלטן אין איין פרעגן מיין טאטן "ווען קומט שוין נאכאמאל דער רבי וואס שפרינגט? ווען קומט ער נאכאמאל?" כאטש וואס איך בין נאך געווען א קליין קינד און נישט משיג געווען צופיל, בין איך אבער ממש ווי פארכאפט געווארן פונעם רבי'נס אויסטערלישע קדושה און הייליגע עבודה, און איך האב געלעכצט און ארויסגעקוקט ווען איך וועל שוין נאכאמאל קענען זען דעם הייליגן רבי'ן. דער רבי איז אסאך ארומגעפארן אין יענע יארן און באזוכט פארשידענע קהילות - אפילו גאנץ פארווארפענע - איבער פילע מקומות וואו אידן האבן דעמאלטס געוואוינט.

### כמונה מעות

עטליכע יאר דערויף, ווען מיר האבן שוין געוואוינט אין א גרעסערע דירה ווי פריער, האבן מיר געהאט די זכי' אז דער רבי זאל קומען איינשטיין ביי מיין טאטן אין שטוב. דאן בין איך שוין געוואהר געווארן אז דער רבי איז אונזער קרוב משפחה, און איך האב געקענט מיטהאלטן דעם רבי'נס עבודה דורכאויס די גאנצע צייט.

איך געדענק ווי מיין מאמע ע"ה האט מיר דעמאלטס אריינגעטראגן צום רבי'ן, און דערציילט פארן רבי'ן אז מיין דאווענען נעמט זייער שנעל... דער רבי האט זיך אנגערופן צו מיר: "מען דארף דאווענען אזוי ווי מען ציילט געלט." ילדות היתה בי, זייענדיג בלויז צען יאר אלט, און איך האב געענטפערט: "נו, איך דאווען אזוי ווי איך צייל פינעווערס..."

דער רבי האט זיך שטארק צעשמייכלט און מיר געגעבן א ווארעמער גלעט. דאס איז געווען זיין מהות; איין שטיק צוגעלאזנקייט און ענוה. עס לאזט זיך שווער גלייבן אז א צען יעריג קינד האט זיך געקענט שפירן באקוועם צו ענטפערן אזוי פארן הייליגן רבי'ן, און אז דער רבי זאל רעאגירן מיט אזא ליבליכער שמייכל; אבער דאס איז געווען דער הייליגער רבי.

דער אמת איז אז שוין גלייך נאכ'ן קריג, נאך איידער דער רבי האט פארלאזט די אייראפעאישער באדן, איז דער רבי אין יענע תקופה איינגעשטאנען ביי מיין זיידן ז"ל, דעם רבי'נס פעטער, אין שטאט נאנאש, אונגארן, וואו ער האט זיך דעמאלטס אויפגעהאלטן.

איב האט איר א מעשה צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעועוכי"א
אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן
ביטע לאזט א מעסידש אויף קול איחוד טאהש
718-451-8674 און דרוקט 842

מיין באבע ע"ה האט מיר שפעטער דערציילט אז דער רבי פלעגט איר שטארק מכבד זיין דורכאויס די צייט וואס ער איז איינגעשטאנען ביי איר אין שטוב, אלס הכרת הטוב.

## איך בין נאר דער חסיד...

איך געדענק אז דער רבי איז אמאל געגאנגען אויף א שבת קיין קראון הייטס, און מיין זיידע הגה"צ מ'נאנאש זצ"ל איז אויך געקומען אהין פון וויליאמסבורג צו זיין דארטן ביים רבי'ן אויף שבת. ווען עס איז געקומען פרייטאג צונאכטס ווען דער עולם איז געקומען צו מנחה, האט מען אזוי געווארט אויפן רבי'ן. דעמאלטס האט א גרויסער חסידי'שער עולם געוואוינט אין קראון הייטס, כ'מיין אז הרה"ח ר' משה ארגעל ע"ה האט געוואוינט אין יענע יארן אין די געגנט, און עס האט זיך צוזאמגעקליבן א היפשער ציבור וואס איז געקומען צום דאווענען.

מיין זיידע האט געהאט א הדרת פנים, און ווען ער איז אריינגעקומען, האט זיך דער עולם - נישט קענענדיג דעם רבי'ן - אויפגעשטעלט מיינענדיג אז דאס איז דער רבי אליין... דער זיידע האט זיך אנגערופן "זעצטס ענק אראפ, איך בין נאר דער חסיד... דער רבי קומט באלד אריין". אגב, ווען מיין זיידע איז געווען אין טאהש ביים טיש, האט ער געגעסן פון איין טעלער מיט'ן רבי'ן, געניסנדיג פון אן אויסטערלישע קירבה ביים רבי'ן.

## אין טאהשער ישיבה

בשנת תשכ"ז איז דער רבי געקומען אויף א שבת. דעמאלטס איז די גאנצע ישיבה מיטגעקומען, און עס איז געווען א שבת אזאנס און אזעלכעס. איך בין געגאנגען עסן מיט די בחורים, איך האב געוואלט אלעס מיטהאלטן. מיין ברודער הגה"צ מ'נאנאש שליט"א האט שוין דעמאלטס געלערנט אין טאהש, ער איז געפארן תשכ"ה, ממילא איז ער אויך געקומען פון ישיבה.

איך געדענק ווען הרה"ח ר' יצחק זאב ארגעל הי"ו האט מיך געזאגט "אה, דו וואוינסט דא? איך דארף האבן א נעגל-שניידער, ס'איז פרייטאג, מ'דארף שניידן די נעגל", און אזוי האבן מיר געמאכט א קשר און טאקע פון דעמאלטס זענען מיר געווארן גוטע חברים. מיר האבן זיך געשריבן בריוון, ביז איך האב שוין זייער געוואלט פארן לערנען קיין טאהש. עד כדי כך אז פסח ביים סדר האב איך געבעטן אפיקומן אז איך וויל גיין לערנען אויף טאהש, דאס אלעס בשעת איך בין נאכנישט געווען קיין עלף יאר אלט!

נאך פסח בין איך טאקע געפארן אויף טאהש. ס'איז נאך נישט געווען קיין חדר, ס'איז געווען נאר ממש אפאר קינדער וואס זענען געווען דארט, און איך בין אריינגעגאנגען לערנען אין ישיבה. עס זענען געווען אין ישיבה נאך יונגלעך פון מיין עלטער, מ'האט געלערנט אין די כיתה ביז דרייצן און האלב, פערצן יאר. דאס איז געווען אין די ערשטע כיתה אין ישיבה, און הרה"ג רבי שמשון שווארץ ז"ל איז געווען דער מגיד שיעור. מ'האט דארט פעסט געלערנט, יעדער האט מיטגעהאלטן, און ר' שמשון האט געזען אז יעדער זאל קענען.

דעמאלטס אין ישיבה האבן געלערנט איבער צוויי הונדערט בחורים. די ישיבה קטנה און ישיבה גדולה זענען נאך געווען איינס, ס'איז נאכנישט געווען אזא געדאנק אין די היימישע קרייזן פון צוטיילן ישיבה קטנה און ישיבה גדולה. מען האט געהערט א קול תורה גאר ווייט, ס'איז געווען ליידיג דער גאנצער ארום און ארום, ס'איז נישט געווען קיין הייזער, און דאס לערנען און דאווענען האט אזוינס געדונערט אין ישיבה אז מען האט עס געהערט ביז גאר ווייט.

די ישיבה איז געווען זייער זייער א ווארעמער פלאץ פאר א חסידישן בחור. א דאווענען איז געווען א דאווענען, א לערנען איז געווען א לערנען. דער סדר היום פלעגט זיין אז נאכמיטאג סדר איז געווען פינף שעה לאנג, און ס'איז געווען אסאך בחורים וואס האבן געלערנט די פינף שעה לימוד התורה ברצופות.

אזוי ווי מ'האט נישט געוואלט די בחורים זאלן דארפן מפסיק זיין, האט הרה"ח ר' חיים יחזקאל לאווען ע"ה איינגעפירט אז מ'זאל טיילן עסן פאר די בחורים אין ביהמ"ד. ער איז ארומגעפארן מיט א וועגעלע און געגעבן א דעניש מיט אן אראנדזש אז מען זאל נישט דארפן אראפגיין אין עס זאל. דער משגיח בימים ההם איז געווען הרה"ג רבי יצחק שטערן ז"ל. ער איז געקומען פון טאראנטא אנהייב תשכ"ה, אביסל פריער פון מיר, און ער איז געווען זייער זייער נאנט מיט'ן, דער רבי האט זיך דורכגערעדט מיט אים איבער יעדע זאך אין ישיבה.

ער פלעגט האלטן אסאך דרשות פאר די בחורים אלס משגיח, שטענדיג האט ער אנגעהויבן מיט א שטיקל אור החיים הקדוש. ער איז געווען זייער א ווארעמער איד, און זיינע דרשות זענען אייביג געווען באגלייט מיט בכיות וואס האבן אריינגעברענגט א ווארעמקייט צווישן די בחורים.

דער ערל וואס האט געריינגט די ישיבה פלעגט זיך דרייען צווישן די בחורים, און ווי דער סדר איז מיט אזעלכע חברה האט ער געקענט אביסל אידיש אויך. ער פלעגט זאגן, "זאגט די גמרא, אמר אביי, אזוי ווי סאנעל הערשקאוויטש" דאס איז געווען הרה"ח רבי נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א, מחשובי תושבי קריתינו הק', וואס ער פלעגט זיצן און לערנען מיט א מורא'דיגע התמדה, עד כדי כך אז דער גוי האט אים נאכגעמאכט.

אבער דער מצב הגשמי אין יענע יארן איז געווען ווייט ווייט פון וואס ס'איז היינט. ווען עס איז געווען זומער איז געווען הייס. די עיר-קאנדישאן פלעגט זיך זייער אפט צוברעכן, און מען האט געלערנט אינדרויסן אז ס'זאל זיין אביסל מער לופטיג. ווינטער, פון די אנדערע זייט, איז געווען קעלטן וואס מען זעט שוין נישט היינט. עס איז געווען א נארמאלע זאך אז אויף חנוכה איז די ערשטע שטאק פון די דארמיטארי געווען אינגאנצן פארדעקט מיט שניי, אז מ'האט געקענט עפענען די פענסטער און מאכן א לאך וואס מען האט גענוצט פאר א פרידזשידער... אויף פורים האט שוין די צווייטע שטאק אויך געהאט דעם לוקסוס... אין די קעלטן פלעגט די וואסער ווערן פארפרוירן, און ס'איז נישט געווען קיין וואסער אינעם סינק. בחורים האבן דעמאלטס גענומען די ריזיגע טעפ פון קאך מיט די וועגעלע וואס מ'פלעגט טיילן, און מ'איז געגאנגען נעבן די דירה פון הרה"ח ר' אשר ענזיל קרויס ע"ה אדער ביי הרה"ג ר' מאיר פעקעטע ז"ל וואו עס איז געווען א קוואל און אנגעשעפט וואסער...

מען האט געברענגט גרויסע טעפ מיט וואסער, און פון דעם האט מען אנגעגרייט נעבן די בית הכסא אז מ'זאל עס קענען נוצן, די איבעריגע האט מען גענוצט פאר די אנדערע צרכים. די וואסער וואס איז יא געקומען פון די סינקס איז אויך געווען קוואל וואסער וואס האט געהאט א שטיקל נאכ'טעם, אנהייב איז עס אונז געווען שווער צו טרונקען, אבער מ'האט זיך צוגעוואוינט צו דעם אויך.

**המשך יבוא בעז"ה**

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:

## ואת הלחן זה הדחק:

מאסיווע בוי ארבעט גייט אריין אין קראפט בע"ה אינעם עקזיסטירענדן בנין הישיבה גדולה צום קומענדיגן שנת הלימודים תשפ"ז הבעל"ט

לאור די שטארקע הצלחה בסייעתא דשמיא פון ישיבתינו הק', וועלכע האט זיך אין די קורצע צייט פון איר התייסדות, ב"ה קונה שם געווען בעולם הישיבות אלץ א מקום מוכשר פאר חשובע בחורים, וועלכע האבן א שאיפה צו שטייגן בתורה עבודה ויראת ה' טהורה.

און כדי נאכצוקומען דעם פארלאנג פון בחורים וועלכע ווילן אריינקומען לערנען בהיכלא דמלכא, איז מען געצווינגען אריינצושפרינגען אין א גרויסן פראיעקט, צו פארדאפלען דעם עקזיסטערנדן בנין הישיבה גדולה' וועלכע נעמט אריין פארדאפלען די היכל בית המדרש, נייע שיעור צימער, און חדרי שינה.

יגדיל תורה ויאדיר!

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק:

## פייערדיגע קול תורה הילעכט אף בהיכל ישיבתינו הקדושה מהבוקר עד הערב קונה צו זיין און זיך פארהערן גאנץ מסכת גיטין

אין די יעצטיגע וואכן קומט פאר א גרויסע חזרת הלימודים, וואו בחורי ישיבתינו הקדושה חזר'ן איבער גאנצע פרקים פון מסכת גיטין וועלכע ווערט געלערנט און וועט בע"ה געענדיגט ווערן היי יאהר בהיכל הישיבה.

בחורי ישיבה נוצן אויס אלע מעגליכע זמנים און מ'לייגט צו אייגענע צייטן וזמנים פנויים, כדי צו חזר'ן און ס'זאל ערמעגליכט ווערן דאס קונה זיין בס"ד גאנץ מסכת גיטין מיט א בהירות.

ביים שיעור עיון לערנט מען און מ'חזר'ט איבער פרק רביעי השולח, וועלכע איז געלערנט געווארן גמרא רש"י תוספות עם ראשונים ואחרונים, און איז נתברר ונתלבן געווארן מיט א געוואלדיגע יגיעת התורה דורך בחורי ישיבתינו, און מ'טוט דאס כסדר איבער'חזר'ן ס'זאל זיין כמונח בקופסא.

ביים שיעור פשוט, לערנט מען און מ'חזר'ט די פרקים המביא קמא, המביא בתרא, הניזקין, מי שאחזו.

שיעור בקיאות האט מען געלערנט די פרקים כל הגט, האומר, הזורק און המגרש, און דאס ווערט כסדר איבערגע'חזר'ט כדי קונה צו זיין די מסכת במילואו.

די אלע חזרות ווערן פארהערט מיט בחינות בכתב יעדע כיתה באזונדער דורך די חשובע רמ"י הישיבה שליט"א, אויסער וואס די בחורים ענטפערן אלע 4 שיעורי הישיבה מיט בחינות בכתב מדי שבוע בשבוע.

די בחורים חזר'ן אויך אין אנדערע זמנים די פאריגע פרקים וועלכע איז שוין געלערנט געווארן, און מ'גייט זיך דאס פארהערן מיט ספעציעל געמאכטע בחינות בכתב ביים מנהל שליט"א.

ווי אויך איז ארויסגעגעבן געווארן דורכן חשובן מנהל שליט"א א ספעציעלן "סדר לוח חזרה וסדר קנין נצחי למסכת גיטין", וואו די בחורים צייכענען זיך אריין געני וויפול דפים מ'האט גע'חזר'ט, און וויפול מאל מ'האט דאס גע'חזר'ט, און צו מ'האט זיך דאס פארהערט, און וויפול מאל פארהערט, און באזונדער וועלכע דפים מ'האט זיך דאס פארהערט מיט תוספות.

אזוי ארום האלטן די חשובע בחורים שוין אויפן וועג פון מסיים זיין און קונה זיין בע"ה גאנץ מסכת גיטין דעם סוף יאהר הבעל"ט.

גדלו והצליחו וגם עשו פרי למעלה בע"ה!

מכון עבודת הלוים:

## לא נראה כבושם הזה:

# הערליכע און באלערנדע ביכל "א שבת אין טאהש" ערשינען בס"ד

צווישן די הכנות אפצוצייכענען די 11'טע יומא דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש זי"ע, האט מכון "עבודת הלוים" ארויסגעגעבן א גאר הערליכע און באלערנדע ביכל "א שבת אין טאהש", וואו עס איז גאר מייסטערהאפטיג באשריבן א שבת קודש בצל הקודש פון רבינו הקדוש זי"ע. די נייעס רופט אויס גרויס פרייד צווישן אנ"ש בכל מקומות מושבותיהם.

שבת קודש נפשי חולת אהבתך. ווען מ'ברענגט נאר ארויף אויף די ליפן די ווערטער "א שבת אין טאהש" שווימען גלייך ארויף אויפ'ן מח גאר נאסטאלגישע געשמאקע זכרונות פאר זקנים עם נערים, זיך דערמאנענדיג שמור לקדשו מבואו ועד צאתו, ווען ס'איז געווען א תל תלפיות וואו הונדערטער געסט מכל קצוי תבל פלעגן נהנה זיין מאור צדקתו וקדושתו פונעם הייליגן רבי'ן, מידי שבת בשבתו.

ווען אידן פלעגן איבערטרעטן דעם שוועל פונעם הייליגן ווינקל אין קאנאדע, כלילת יופי, יפה נוף משוש כל הארץ, עיה"ק 'קרית טאהש', פלעגט מען אויטאמאטיש ווערן אויסגעשאלטערט פון די גשמיות'דיגע וועלט, און זיך טרעפן פלוצלינג אין א ריין רוחניות'דיגן אטמאספערע, יעדער איז צוגעצויגן געווארן מאגנעטיש צו קדושה וטהרה ביים זען די הייליגע עבודת עבודה פון רבי'ן במסירות נפש ודביקות ה' אויף יעדן טריט און שריט, אין דעם מקום קדוש האט מען זיך דאך אנגעזאפט מיט אוצרות יראת שמים, אהבה ויראה, אויפ'ן גאנצן לעבן.

דער ביכעל ברענגט אריין דער ווארעמקייט פונעם 'שבת אין טאהש' אין דעם לייענער, מ'זאל זיך דערמאנען, און דער יונגערער דור זאל לערנען פון די לעכטיגע צייטן בהלו נרו על ראשינו.

די מייסטערהאפטיגע ווערק וואס נעמט ארום דעם נייעם באנד איז היסטאריש-קאלירפול ביז גאר פון יעדן פערספעקטיוו. די בלעטער שטעלן פאר אכצן רייכע פרקים רייך געשילדערט "א שבת אין טאהש".

דורכבלעטערנדיג דעם פרישן חיבור וועט דער לייענער באצויבערט ווערן פון א יצירה נפלאה, וואס שיילט זיך ארויס פון יעדן בלאט און פרק.

די חברי מערכת "עבודת הלוים" זענען אקטיוו אהערצושטעלן חומר צו דעם באנד די לעצטע עטליכע יאר, איינזאפענדיג עובדא נאך עובדא, הנהגה נאך הנהגה, און מופת נאך מופת, שאפנדיג פארבינדונג צו אומצאליגע זקני החסידים ומעריצים מיט א וויזיע אנצוקומען צו יעדן וואס האט נאר אמאל אנגערירט די טאהש'ע קלאמקע. מ'איז פארמישט געווען אין פלייסיגע מציאה וחיפוש איבער אלע וועלט-עקן, זאמלנדיג יעדעס ברעקל אינפארמאציע וואס שטראלט אצינד ארויס פון די דורכגעווייקטע נאנט צו 400 בלעטער.

די יעצטיגע ערשטע באנד אויף שבת אנטשפרעכט בעז"ה אן אקוראטע דורשט-שטילונג, להרוות צמאון דורשי היסטאריע איבער דעם הייליגן זויל, בכלליות, ובפרט די טויזנטער חסידים ומעריצים און יעדער וואס האט געהאט שייכות צום אור בהיר בשחקים. דער נייער חיבור ערשיינט אין א פראקטיש-גראפיסטישע אויפלאגע, הערליך און זאפטיג אראפגעשריבן, אבער פארט איז די שפראך באגרעניצט צום דברים כהוויתן, קראנט גענוי ווי מ'האט דאס געהערט פון די בעלי מספרים.

שטייענדיג ביי א מאמענט ווען די וועלט ווערט באלאכטן מיט א פרישע יצירה ממכבש מכון "עבודת הלוים" איז זייער בקשה געוואנדן צו יעדן וואס ווייסט איבערצוגעבן זכרונות וסיפורים מעבודת הלוי, סיי פאר די קומענדיגע בענדער און סיי וואס איז שייך מוסיף צו זיין אויף די פריערדיגע, אל תמנע טוב מבעליו, און איבערגעבן די אינפארמאציע צום מכון "עבודת הלוים", למען ידעו דור אחרון צדיק מה פעל.

מ'קען זיך כסדר פארבינדן צום מכון אויף: 718-840-3333

*

מכון "עבודת הלוים" האט זיך שוין באקאנט געמאכט מיט זייערע וואונדערבארע יצירות, די ספרי קודש וועלכע זענען שוין ערשינען: עבודת עבודה מכתבי קודש, תהלים עבודת עבודה, תהלים עבודת משולם פייש, עבודת משולם פייש לשבת, עבודת משולם פייש לשבועות, עבודת עבודה לחנוכה, עבודת עבודה לפסח, זכור אב - אשכבתיה דרבי, דער הייליגער פלאם ד' חלקים, פון וואס שוחרי תורה וחסידות זענען נהנה מאורם הבהיר.

קחו ברכה אל תוך בתיכם!







# הַרְחִיבִי מְקוֹם אָהֳלֵךְ וִירִיעוֹת מִשְׁכְּנוֹתַיִךְ

## הרחבת גבולי הקדושה ווערט געפלאנט לקראת דעם נייעם זמן החורף שנת תשפ"ז הבעל"ט

מיט גרויס שמחה און התרגשות נעמען אנשי שלומינו אויף די גינסטיגע נייעס איבער די מאסיווע הרחבת גבולי הקדושה, אז נאכדעם וואס אין די לעצטע יארן איז ישיבתינו הק' אויסגעשטיגן און פארוואנדלט געווארן אלס דער פאסיגסטער מקום תורה ווי אנשי שלומינו שיקן די בחורים צו שטייגן און וואקסן אין תורה און יראת שמים, וואס דאס האט געברענגט צום כסדר'דיגן איבערפלאך פון את לחצינו זו הדחק, נעמט יעצט די הנהלת הישיבה אונטער א נייע און קאסטבארע שריט אויסצופרייטן די גבולי הקדושה אויף א גאר ברייטן און רחבות'דיגן פארנעם בס"ד.

מן המותר להאריך אז במשך די יארן האט די ישיבה קונה שם געווען א שם טוב לשם ולתפארה זייענדיג א ריכטיגע מקום תורה, און עס איז פקיע שמיה פאר יעדן איינעם אז די ישיבה געבט ארויס יאר נאך יאר, בחורים חשובים וועלכע שטייגן בתורה ויר"ש ובחסידות און כל רואיהם יכירון כי הם זרע ברך השם.

און די געוואלדיגע הצלחה איז אוודאי אלעס נאר בכוחו ובזכותו של אותו זקן רבינו הקדוש זי"ע, וועלכע האט געגרינדעט די ישיבה בדמים תרתי משמע, וממנו יסד ופינה קהילותינו ומוסדותינו הק' איבער דער גארער וועלט.

אין ליכט פונעם כסדר'דיגן וואוקס פון די ישיבה, און ספעציעל יעצט ווען מ'האלט אינמיטן די סאמע פארנומענסטע סעזאן פונעם יאר, ווען די הנהלת הישיבה איז פארנומען מיט'ן אננעמען די נייע תלמידים צום פרישע'ן זמן החורף הבעל"ט, און מען גרייט זיך בס"ד צו עפענען א גרויסע כיתה פאר די נייע תלמידים אין שיעור א', האט די הנהלת הישיבה באשלאסן - נאך א לענגערע אסיפה בקודש פנימה ביי מרן ריש מתיבתא קדישא כ"ק רבינו שליט"א ווי מען האט דורכגעטוהן אלע צדדים - ארייצוטאנצן אין א מאסיווע פראיעקט, און מרחיב זיין די גבולי הקדושה אויף א גרויסע פארנעם, כדי צו קענען געבן פלאץ פאר די וואקסנדע צאל תלמידים און צושטעלן די בעסטע מעגליכקייטן פאר תורה און עבודת השם בהרחבה גדולה.

לויט די יעצטיגע פלענער וועט דער הויפט-אונטערשטער שטאק פונעם בנין בית המדרש הגדול ווערן פארוואנדעלט און מיוחד פאר די צוועק פון די ישיבה, ווי מען וועט בס"ד איינרישן א רחבות'דיגן היכל בית המדרש פאר די תלמידים, כיתות, אפיסעס, צוזאמען מיט נאך פילע וויכטיגע איינריכטונגען וואס וועלן העלפן פארבעסערן דעם טאג-טעגליכן סדר הישיבה.

זייענדיג דעם חוסר הזמן, זענען די חברי הנהלה אריינגעטון ראשם ורובם אינעם פראיעקט צו פארזיכערן אז די בוי-ארבעט רוקט זיך פאראויס שנעל, פונקטליך און אויפן העכסטן טעמפאו, כדי זיכער צו מאכן אז די ארבעט ווערט דורכגעפירט אויף א פראפעסיאנעלן אופן און אין דער זעלבער צייט מיט דער נויטיגער שנעלקייט, אז דער גאנצער פראיעקט זאל זיין גרייט צום אנהויב זמן ראש חודש חשון תשפ"ז הבעל"ט, ווען מען וועט בס"ד קענען אריינטרעטן אין די נייע חלק הישיבה, און אנהייבן דעם נייעם זמן מיט א עקסטערע פרישקייט.

ווי באקאנט צווישן אנשי שלומינו האט דער בנין ביהמ"ד הגדול

# יִזְכֹּר אַהֲבָתָם וִיחַיֶּה זַרְעָם

## אומבאשרייבליכע התרגשות הערשט צווישן תלמידי הישיבה נאך דער דראמאטישער מעלדונג איבער א ערשטמאליגע נסיעה רוממה דעם קומענדיגע כ"א אדר בראשות מלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א

מיט אן אומבאשרייבליכע התרגשות און התעוררות איז אויפגענומען געווארן די דראמאטישע מעלדוג און בשורה נרגשת, אין וועלכע כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אויסגעדרוקט רצון קדשו צו ארויספארן אויף א פריוואטע נסיעה אינאיינעם מיט זיינע באליבטע תלמידים הרויים בנים פוקד צו זיין די ציונים הקדושים פון אבותינו ורבותינו הק' דעם קומענדיגע ווינטער הבעל"ט.

דאס קומט נאכדעם, וואס ביי איינע פון די לעצטערע אסיפות בקודש פנימה האבן די  חברי הנהלת הישיבה אויסגעשמועסט מיט'ן רבי'ן בכובד ראש פארשידענע וויכטיגע פעולות לטובת די תלמידים, צו הייבן דעם ניווא פון די לימודים און שטייגן אין תורה, און פיל מער, און בין הדברים האט מרן רבינו שליט"א איבערראשט די הנהלה אז ער איז גרייט אונטערצונעמען א ספעציעלע נסיעה דעם קומענדיגען כ"א אדר קיין ליזענסק, ספעציעל געווידמעט פאר די חשובע תלמידים מצויינים וועלכע וועלן זיך אויסצייכענען אין בלימוד התורה בהתמדה, במשך די לעצטע פאר וואכן פון די זמן און בהמשך די קומענדיגע ווינטער זמן הבעל"ט.

די פריידיגע בשורה האט זיך בליץ שנעל צושפרייט צווישן די תלמידים בין כותלי הישיבה, און האט ווי פארשטענדליך ארויסגערופן אן אומבאשרייבליכע עקסאטאז און התעוררות, נעמענדיג אין באטראכט די  משמעות פון אזא דערהויבענע נסיעה און וואס דאס באדייט פאר די בחורים.

עס ליגט נאך איינגעקריצט אין די הערצער צווישן די תלמידי הישיבה דער געהויבענע צענטראלע מסע הקודש פאריאר כ"ח סיון תשפ"ה העעל"ט, אין וועלכע די בחורים האבן געהאט די זכי' מיטצופארן מיט די נסיעה, און יעצט שווימט ארויף די געהויבענע מינוטן, די תפילות אויף די הייליגע פלעצער, די שעות פון התעוררות, און די געוואלדיגע השפעה און התעוררות וועלכע האט איבערגעלאזט אויף יעדן איינעם.

מטעם הנהלת הישיבה איז ארויסגעשטעלט געווארן די אפיציעלע מודעה פאר די תלמידים אנבאלאנגט די גרויסע נסיעה, אין וועלכע מען פראקלימירט אז די נסיעה איז געווידמעט ספעציעל פאר די תלמידים מצויינים וועלכע וועלן זיך צושטעלן צו די סדרי הלימודים א.א.וו.

די נסיעה אליין טראגט אין זיך א באזונדערע באדייט. דער הייליגער שטאט ליזענסק, דער מקום מנוחתו פונעם היליג'ן רבי אלימלך מ'ליזענסק זי"ע, איז שוין דורות לאנג א פלאץ וואו אידן קומען זיך מחזק זיין און אויסגיסן דאס הארץ. און די מעגליכקייט פאר די תלמידים צו פארן אינאיינעם מיטן רבי'ן אויף אזא נסיעה איז א גאר זעלטענע און דערהויבענע זכי'.

ווי פארשטענדליך וועט דער נסיעה נישט זיין באגרעניצט בלויז קיין ליזענסק. נאר מ'וועט אוודאי אויך גיין פוקד זיין די ציונים הקדושים פון רבותינו הק' שרפי מעלה דער הייליגע שרף און סבא קדישא זכותם יגן עלינו, במקום מנוחתם באתרא קדישא טאהש. דאס הייליגן ארט ווי אונזערע הייליגע רבי'ס האבן פאראורבעט מעשים און גע'פועל'ט ישועות לנו ולדורותינו און אויסגעארבעט יעדע שפענדל.

זינט דער אסיפה בביתו נאוה קודש זענען די חברי הנהלת הישיבה שוין פארנומען מיט אינטענסיווע הכנות. סיי ברוחניות ווי מען זיצט אינאיינעם מיט די חשוב'ע איינגעשטעלטע הישיבה צו זעהן וויאזוי מען וועט פראקלימירן די סדר הכנה לנסיעה אז עס זאל ארויסקומען די מאקסומיסטע הצלחה בתורה ובחסידות, און סיי בגשמיות אז די נסיעה זאל גיין כשורה עצהיו"ט.

מער פונקטליכע פרטים איבער די סדר נסיעה און אלעס ארום, וועלן אי"ה קלארער ווערן און וועט ווערן נתפרסם במשך די קומענדיגן ווינטער זמן.

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן!**

געליטן שווערע שאדן דורך די פייער וועלכע האט אויסגעבראכן פארגאנגענעם ווינטער. און הגם בסייעתא דשמיא איז די גאנצע בנין מער ווייניגער מסודר געווארן, דארף אבער די אונטערשטע חלק פונעם בנין ווערן פולשטענדיג אויפגערוימט און צוגעגרייט.

דעריבער וועט מען אין די נאנטע טעג אנהייבן מיט די ארבעט אויסצוליידיגן דעם שטח פון די איבערבלייבענישן פון שמוץ, רויעך און שמעק וואס די פייער האט איבערגעלאזט, כדי דער פלאץ זאל זיין גרייט פאר די קומענדיגע בוי איינריכטונגען.

עס איז צום האפן, אז די הרחבת גבולי הקדושה וועט צוגעבן פאר די הרחבת הדעת פון די געטרייע איינגעשטעלטע און פאר די חשוב'ע תלמידים, מען זאל קענען לערנען מיט מער ישוב הדעת, און אז דער גרויסער אונטערנעמונג זאל אדורכגיין מיט הצלחה און סייעתא דשמיא.

**וּפָרַצְתָּ יָמָּה וָקֵדְמָה וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה!**

# חזרת הזמן אריין אין קראפט

אין די יעצטיגע וואכן שטייענדיג שוין נענטער ווי ווייטער צום ענדע פונעם זמן ווען מ'גרייט זיך צו פארלאזן די ישיבה ווענט מיט א פרישן אוצר פון צענדליגע בלעטער גמרא וסוגיות הש"ס, און צענדליגע סימני הלכה וידיעות, קומען פאר גרויסע חזרות ווי ביי יעדע סדר באזונדער און יעדע שיעור באזונדער קומען פאר ספעציעלע סדרי חזרה.

דעם היינטיגן זונטאג עקב בעפאר די סדר הלימוד האט אויפגעטרעטן בהיכל הישיבה די מגי"ש לשיעור ב' הרה"ג רבי יונה פישער שליט"א, מו"ץ, וועלכע האט ארויסגעברענגט אז יעדע בחור האט די ריכטיגע כוחות צו חזר'ן און קענען געדענקן די וויכטיגע הלכות על בוריו, און יעצט ביי חזרה איז די צייט ווען מ'נעמט צוזאם אלע הלכות וואס מ'האט געלערנט און מען איז זיך עס מסדר אויף א אופן פון געדענקן לנצח נצחים.

*

# תלמידי שיעור ג' זענען מסיים הלכות בשר וחלב אין ראם פון חבורת חוזר וניעור

ווי ברייט באריכטעט שוין עטליכע מאל טוען די תלמידים פון שיעור ב' און שיעור ג' איבער'חזר'ן גאנץ הלכות בשר בחלב אין ראם פון חבורות חוזר וניעור, ווען מ'חזר'ט די מקצוע נאכדעם וואס זיי האבן געלערנט די מקצוע די פארלאפענע יאר, מיט'ן ציל זיך עס צו קענען פארהערן, און עס געדענקן לעולמי עד.

דעם פארלאפענעם דינסטאג פרשת ואתחנן איז פארגעקומען א גרויסע פארהער אויף די גאנצע מקצוע, דורך הגה"צ אדמו"ר מ'תולעת יעקב שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע, ווי די חשוב'ע בוחן האט פאר א לענגערע צייט פארהערט די בחורים און עס האט זיך דערקענט די געוואלדיגע התמדה וואס די בחורים האבן אריינגעהארעוועט אין די מקצוע, ווען מען האט ב"ה גוט געקענט און געשניטן די פירות ברנה.

נאך די פארהער האט דער חשובער בוחן שליט"א ארומגערעדט במעלת וסגולת לימוד התורה און בפרט די גרויסע ענין און סגולה פון חזרה, און ארויסגעברענגט נחת רוחו ווי שטארק די בחורים האבן געקענט.

דעם היינטיגן מיטוואך חמשה עשר באב, די יום המסוגל ללימוד התורה איז פארגעקומען א מסיבת לחיים פאר די חברי החבורה לרגל סיום המקצוע, ווי מען האט פארברענגט בשבת אחים גם יחד און די חשוב'ע מגי"ש וראש החבורה הרה"ג רבי יונה פישער שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער לרגל המאורע, און דערנאך פארטיילט די הצטיינות פון די חושוב'ע בוחן שליט"א.

*

# רייכע דרשות און סדר הישיבה ביום תשעה באב

דעם פארלאפענעם ערב תשעה באב איז פארגעקומען בהיכל הישיבה א דרשה דורך די חשוב'ע מגי"ש ומורה צדק הרה"ג רבי יונה פישער שליט"א, וועלכע האט ארומגערעדט אלע וויכטיגע הלכות בעניני דיומא וואס זענען נוגע תשעה באב.

אזוי אויך ביום תשעה באב אין די נאכמיטאג שעה'ן איז פארגעקומען א דרשה דורך די חשוב'ע נאכט משגיח מוה"ר לייבל קופטשיק הי"ו וואו ער האט פאר איבער צוויי שעה ארומגערעדט איבער די היסטאריע פון די צווייטע וועלט קריג, און די שווערע צרות פון וואס אונזערע זיידעס האבן געליטן, און נאך.

*

# דרשת אורח הכבוד בהיכל הישיבה

דעם היינטיגן מאנטאג פרשת עקב האבן די תלמידים געהאט די אז הגה"צ רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א אב"ד מכלל יופי, איז געקומען בהיכל הישיבה - נאכדעם וואס ער האט געוויילט אין קריתינו הק' לרגל די משפחה שמחה בבית בנו הרה"ג ר' יואל פילאפף שליט"א חתן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

נאך תפלת שחרית האט דער חשובער גאסט אויפגעטרעטן מיט א דרשת חיזוק, ווי צווישן אנדערע האט ער ארומגערעדט בענין עמלות התורה, און אז אן תורה קען מען גארנישט, און מ'דארף זיך משתעשע זיין אין די תורה, לערנען ווי מער.

*

# נייע חבורה 'הכנה לשב"ק' לאור קריאת הקודש ביים אומפארגעסליכע שבת התרוממות בני חביבי

שטייענדיג עטליכע וואכן נאך די דערהויבענע פריוואטע שבת התרוממות 'בני חביבי', איז אין די יעצטיגע טעג געגרינדעט געווארן בהיכל הישיבה א חבורה 'הכנה לשב"ק', נאכ'ן הערן די דברות קודש וועלכע מרן רבינו שליט"א האט משמיע געווען בכניסת השבת, אז די תלמידים זאלן זיך מקבל זיין צו לערנען אינעם הייליגן ספר סידורו של שבת און דאס וועט משפיע זיין אז מען זאל א גאנץ לעבן פילן א העכערע און דערהויבענע טעם אין א שבת.

דעם פארלאפענעם ערב שב"ק דברים זענען די גבאי החבורה צוגעגאנגען צו רבינו שליט"א נאך אמירת שיר השירים ערב שבת בהיכל הישיבה, און מודיע געווען פאר'ן רבי'ן איבער די התייסדות החבורה, ווי די רבי האט דערפון ארויסגעוויזן א שטארקע קורת רוח, און מתוך התרגשות האט די רבי דאן מבשר געווען פאר די תלמידי הישיבה אז אין די קומענדיגע געלעגנהייט ווען די רבי וועט עסן די סעודה ליל שב"ק בהיכל הישיבה וועט מען בעז"ה פארלערנען אינעם הייליגן ספר.

אויפן וועג ארויס פון היכל הישיבה האט זיך די רבי עקסטער אפגעשטעלט און זיך אומגעקוקט אויף די מודעות בהיכל הישיבה וועלכע פראקלימירן איבער די נייע חבורה און אנגעוואונטשו ברכת קדשו.

*

# הערליכע מעמד השחיטה ווערט געפלאנט בהיכל הישיבה

### וּלְמַדְתֶּם אֹתָם וּשְׁמַרְתֶּם לַעֲשֹׂתָם

נאכדעם וואס די תלמידי שיעור ג' זענען עוסק די זמן אין די שווערע מקצוע פון הלכות טריפות ביי די סדר הלימוד וועלכע ווערט פארגעלערנט דורכ'ן חשוב'ע מגי"ש הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, איז געמאלדן געווארן פאר די תלמידי הישיבה אז אין די קומענדיגע וואכן וועט פארקומען א אייגנארטיגע מעמד שחיטת הבהמות, ווי מ'וועט שחטן עטליכע בהמות, און די חשוב'ע בודקים ומשגיחים פון די בית השחיטה המהודרת דקהילותינו אינאיינעם מיט די חשוב'ע צוות הישיבה וועלן צו-ווייזן פאר די תלמידים פונקטליך אלע פרטים און הלכות וועלכע מ'איז עוסק לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא.

### לְמַעַן תִּלְמַד לְיִרְאָה אֶת ה' כָּל הַיָּמִים

ווי באקאנט איז גאנץ הלכות טריפות, פון סימן כ"ט ביז סימן ס' זייער וויכטיגע הלכות וואס זענען נוגע אפילו אין די היינטיגע מציאות, נאר היות אין אונזער היינטיגע לעבנ'ס שטייגער קומט נישט אויס צו האנדלען אזוי מיט בהמות זענען די הלכות בעיקר נאר שכיח אין די בתי שחיטות, און די שאלות קומען אן נאר צו די דיינים און מורי הוראות. אבער אויב מען וויל עס באמת קענען להלכה למעשה, לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, מוז מען זיך טרעפן מיט'ן עכטן מציאות, ווייל אן דעם איז נישט מעגליך עס באמת קלאר ארויסצוהאבן, מען קען זיך נאר איינרעדן אין מוח און זיך פארשטעלן א געוויסע בילד וויאזוי א ריאה קוקט אויס, וויאזוי א בית הכוסות קוקט אויס, אדער וויאזוי א המסס קוקט אויס, אבער ווען עס קומט למעשה און מען וועט פרעגן א שאלה, וועט מען באמת נישט וויסן וואס דאס איז.

ממילא, האלטענדיג די ציל פאר די אויגן אז די תלמידי הישיבה זאלן זיך קענען פאהערן די הוראה און עס באמת ארויסהאבן קלאר, האט די הנהלת הישיבה מיט'ן הילף פון א חשוב'ע נדבן שליט"א משקיע געווען דמי"ם תרתי משמע צו מסדר זיין די גאנצע זאך, כדי מען זאל באמת קענען קלאר ארויסהאבן און זען די מציאות'ן פאר די אויגן.

### לְהַבְדִּיל בֵּין הַטָּמֵא וּבֵין הַטָּהֹר

ביים מעמד השחיטה וועלן זיין אנוועזנד גרויסע תלמידי חכמים וועלכע האבן עקספיריענס און האבן שוין א קבלה וויאזוי זיך אומצוגיין מיט די אלע זאכן, סיי וויאזוי צו מנקר זיין - וואס דאס איז אן עקסטערע אומנות - און סיי די אלע מציאות'ן פון די י"ח טריפות וואס מאכן זיך. מען וועט בעזרת השם איבערגיין די אלע הלכות העכער די געשאכטענע בהמה, וואס דאס איז א גרויסע מעלה אז מ'זעט די אברים פאר זיך און מ'גייט דורך די גאנצע זאך.

### עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח

דערנאך וועלן די בחורים קענען זאלצן דאס פלייש. היות מען האט אויך יעצט געענדיגט לערנען הלכות מליחה, איז עס אן עקסטערע באנוס וואס איז צוגעקומען אין די זייט.

### זֹאת תּוֹרַת הַבְּהֵמָה

די גאנצע זאך האט אויך גאר א שטארקע מעלה פאר די חברי חבורת חומש רש"י, וואו די תלמידי הישיבה לייגן אריין שטארקע כוחות מען זאל קענען גוט חומש רש"י. אין פרשת ויקרא, ווען מ'רעדט פון די קרבנות, רעדט מען אסאך מאל פון אלע חילוקים פון די בהמה, וויאזוי מ'האט מקטיר געווען דעם ראש, וויאזוי מ'האט אויסגעוואשן די בני מעיים, פאר די אלע זאכן דארף מען אויך האבן די מציאות און דעם בילד פאר די אויגן כדי עס ריכטיג ארויסצוהאבן. און טאקע פארדעם האט מען מסדר געווען אז די שחיטות זאלן נישט זיין בלויז מיוחד פאר שיעור ג' נאר עס איז שוין אויך פאר אלע תלמידי הישיבה, סיי לתועלת מען זאל טאקע בעסער קענען ארויסהאבן די לימוד אין חומש רש"י, און סיי אז ווען די אנדערע תלמידים וועלן בקרוב אנקומען צו די לימודים זאלן זיי שוין האבן א ידיעה פון פאראויס און האבן געזען די גאנצע מציאות.

### וְנָתַן לַכֹּהֵן הַזְּרֹעַ וְהַלְּחָיַיִם וְהַקֵּבָה

ווי יעדע זאך בין כותלי הישיבה נוצט מען אויך אויס די געלעגנהייט צו מרבה זיין די כח התורה בין לומדיה, און אז די תלמידים וועלן האבן די זכי' וואס לאו בכל יומא מתרחש, צו מקיים זיין די מצוה פון מתנות כהונה, און קונה זיין די זרוע לחיים והקיבה, האט מען פראקלאמירט א באזונדערע מכירת זכותים פאר די בחורים, אז עס זאל זיין א געלעגנהייט אז דריי בחורים זאלן קענען מקיים זיין די מצוה, איינער די זרוע, איינער די לחיים, און איינער די קיבה, וואס זיי וועלן איבערגעבן פארן כהן.

### וְזֶה יִהְיֶה מִשְׁפַּט הַכֹּהֲנִים

חוץ מזה האט מען פארקויפט די זכות פאר די כהנים תלמידי הישיבה וואס וועלן קענען באקומען די זרוע, לחיים וקיבה, - הגם מען קען עס הלכה'דיג נישט פארקויפן, האט מען עס אבער אויסגעארבעט מיט די חשוב'ע דיינים דקהילותינו הק'.

### גדול תלמוד שמביא לידי מעשה

די זכותים זענען פארקויפט געווארן דורך די חשוב'ע מנהל הישיבה שליט"א - וועלכע האט אין די פארגאנגענע טעג אויפגעטרעטן מיט א דרשה בהיכל הישיבה, ווי ער האט ארומגערעדט איבער די גרויסע זמן ווי מ'שטייט יעצט, א צייט ווען מ'נעמט צוזאם אלע לימודים וועלכע מ'האט געלערנט משך די גאנצע יאר, און אז עס די פאסיגסטע צייט פאר יעדע בחור צו מאכן א חשבון ווי ער האט לעכער אין די לימודים און עס יעצט אנפילן און ענדיגן די זמן מיט א גאנצע מקצוע, און אויך האט ער שטארק ארויסגעברענגט אז טאקע דאס איז די פאסיגסטע הכנה דרבה וואס די תלמידים קענען מאכן צום הייליגן יומא דהילולא פון מרן רבינו הקדש זי"ע מייסד הישיבה. - און נאכ'ן דרשה האט דער מנהל שליט"א פארקויפט די זכותים פאר צענדליגע שעות רצופות וואס וועט געלערנט ווערן ביז די יומדהל"ק ז"ך אב הבעל"ט. נעמנדיג אין באטראכט פון איין זייט ווי נאנט מען שטייט צום יומא דהילולא העומד אחר כתלינו, און פון די אנדערע זייט די ריזן מספר שעות וועלכע די בחורים האבן זיך אונטערגענומען, הערשט טאקע אין די טעג א גאר אויסנאמליכע קול תורה בין כותלי הישיבה ווי די זוכים אין די זעלטענע הייליגע מצוה זענען זיך מתייגע בלימוד התורה אויף א גאר שטארקע אופן ולא פסיק פומי מגירסיה.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ואתחנן - תשפ"ו לפ"ק

## מיטוואך פר' ואתחנן

תשעה באב ביינאכט איז דער רבי אריינגעקומען אין ביהמ"ד הגדול, צום עמוד איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט"א. נאך מעריב האט דער רבי פארגעזאגט איכה מיט גרויס התעוררות, דערנאך אריין לחדרו הפרטי און פארגעלערנט מדרש איכה פאר די קינדער און אייניקלעך. אין ביהמ"ד הגדול האט פארגעלערנט הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א.

## דאנערשטאג פר' ואתחנן - ת"ב

אינדערפרי איז צוגעגאנגען צו תפילת שחרית הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל. די עליות האבן עולה געווען כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, שלישי כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, הגבה הרה"ג ר' שמעון עוזר וואגשאהל שליט"א פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע, גלילה הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א פון בארא פארק.

דערנאך האט דער רבי פארגעזאגט די קינות.

דער רבי האט געדאווענט מנחה ביים זמן מנחה גדולה בהיכל ביהמ"ד הגדול, פארן עמוד האט געדאווענט הרב אברהם לייב ראזענבוים שליט"א מנהל חברת תהלים. די עליות האבן עולה געווען כהן הב' שמעון ני"ו בהרב נחמן כהנא שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א פון וומסב"ג, שלישי מפטיר הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הגבה מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, גלילה מוה"ר חנוך דוד שלום וויינגארטן הי"ו.

ביינאכט נאך מעריב און אויספאסטן האט דער רבי געמאכט קידוש לבנה בחצר ביתו נאוה קודש, און געווונטשן א גוטן חודש.

## עש"ק פר' ואתחנן

איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די אפשערן'ס פון בן מוה"ר יצחק אייזיק פריעדמאן הי"ו, בן מוה"ר אשר לעמל האלפערין הי"ו פון וויליאמסבורג, בן מוה"ר פנחס דוד קעלנער הי"ו, און פון בן מוה"ר שלום יואל עהרענפעלד הי"ו. דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינדער, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

## שב"ק פר' ואתחנן - נחמו

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד און די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, און געוואונטשן א גוט שבת.

פארן דאווענען האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן אשר ענזיל געלב ני"ו מתלמידי ישיבתינו הק', דערנאך געבענטשט די חתן און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר מחותנים ובני משפחה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מו"ה יעקב יואל שיליץ הי"ו.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, מוה"ר אליעזר דוד ראטמאן הי"ו פון לעיקוואוד, הרה"צ רבי ישכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' זיידא ישראל חיים ארי' סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס הרב שמואל אברהם גאלד שליט"א פון מאנסי, נכד רביה"ק זי"ע, שיר המעלות הב' אשר ענזיל ב"ר אלימלך סג"ל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

שבת נותנים לו הרב שמואל אברהם גאלד שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מו"ה משה לייב בר"י סג"ל קרויס הי"ו, שחרית האט געדאווענט הרה"ג ר' ישׂשכר דוב מאירוביץ שליט"א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי מו"ה משה לייב בר"י סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרה"ח ר' אלישע אהרן באנדא הי"ו פון נתני', רביעי עשרת הדברות כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, חמישי מוה"ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו, ששי הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, שביעי הרה"ג ר' ישׂשכר דוב מאירוביץ שליט"א, אחרון החתן אשר ענזיל געלב נ"י און עס איז פארגעקומען די באווארפן.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און עולה געווען מפטיר. הגבה מוה"ר אליעזר דוד ראטמאן הי"ו. גלילה מו"ה יואל בער קרויס הי"ו פון מאנטריאל.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף.

✧

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' יצחק ב"ר משה אשר ראזענבערג נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מו"ה שמואל צבי קרויס הי"ו פון מאנסי. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' אלישע אהרן באנדא הי"ו, שיר המעלות הב' דוד ב"ר ישראל יעקב לאנדאוי נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

✧

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א.

בעל תפלה ביי מנחה און ראשון האט עולה געווען הרה"ג ר' יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה, שני הרה"ג ר' יעקב געלב שליט"א משגיח ישיבה קטנה, שלישי החתן ישראל ב"ר משולם פייש קרויס נ"י תלמיד ישיבה גדולה, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה הרה"ח ר' זיידא ישראל חיים ארי' סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר אליעזר הערש שפיטצער הי"ו, הרב ישעי' סג"ל קרויס שליט"א מנהל בת"ת, מוה"ר אביגדור דניאל וויינבערגער הי"ו פון מאנטריאל, מוה"ר ישראל אליעזר אדלער הי"ו פון מאנטריאל.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א. שיר המעלות הב' אלימלך זכרי' ב"ר יחיאל אלתר סאקס נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה החתן אשר ענזיל געלב נ"י, די הבדלה האט געהאלטן החתן אלי' ב"ר משה מאיר ברוין נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי האט דערציילט שיחות קודש פונעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע.

דערנאך אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.







בעזהשי"ת

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת ראה =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק עקב | דף טז: | דף יג. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף יז. | דף יג: | דף לב: | דף כט. |
| מאנטאג | דף יז: | דף יד. | דף לג. | דף כט: |
| דינסטאג | דף יח. | דף יד: | דף לג: | דף ל. |
| מיטוואך | דף יח: | דף טו. | דף לד. | דף ל: |
| דאנערשטאג | דף יט. | דף טו: | דף לד: | דף לא. |
| עש"ק | דף יט: | דף טז. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' שופטים

חבורת ז' עמודים - תחילת המסכת – טז:

חבורת ה' עמודים - כג. – לב.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

# קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

## פרנס

השיעורי תורה על 'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב

לע"נ האשה החשובה

מרת **מירל** בת

ר' **אשר לעמיל**

ע"ה ניימאן

**יארצייט כ"ד אב הבעל"ט**

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

718.451.8674 | 514.500.8674

0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט ארייצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:

**מיטוואך 12:00 מיטאג**


יו"ל ע"י

# איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674

11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950


גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד